YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv08i37

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 8 Issue 37
September 1926

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 8, Iss. 37)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/474

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
מן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייער!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VIII. No. 37. | New York, Friday, September 10, 1926 | פרייטאג, 10טער סעפטעמבער, 1926 | PRICE 3 CENTS

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 37.

זייט 2. סטרייק־נייעס. אין דער טאקערס, פלימערס און העמסטיטשערס יוניאן, לאקאל 41.
זייט 3. עדיוקיישאנעל דעפארטמענט. טעאטער נייעס.
זייט 4. טרייד־ און ארגאניזאציאנס־פראגען.
זייט 5. מעשה׳לאך — מאקסים גארקי. אין שווערע מינוטען (געדיכט) — דוד פישמאן. די לעבענס־געשיכטע פון ב. וואנזעטי.
זייט 6. עדיטאריעלס.
זייט 7. קאאפעראציע צווישען ארבייטער און פארברויכער — דר. הערמאן פראנק. דו (געדיכט) — אל־גוריה.
זייט 8. דער קאמף אין מעקסיקא געגען דער קאטוילישער קירך — פ. צ. א געוועזענער (פעליעטאן) — ז. וואהילער.
זייט 9. וועגען קונסט־קריטיקער — על־עם. קונסט־סקאלערשיפ פאר ארבייטער — פאניא מ. כאהן. ענטפערס פון רעדאקציע.
זייט 10 און 11. שלוסען און אדווערטייזמענטס.
זייט 12. נייעס פון דער יוניטי הויז אין פארעסט פארק.

קלאוק סטרייקערס וועלען קעמפען העלדיש און אנטשלאסען ביז צו א זיגרייכען ענד

צעהנטע וואך פון סטרייק געפינט די קעמפער שטאלץ, מוטיג און אנטשלאסען פונקט ווי אין דעם ערשטען טאג ווען דער גרויסער קאמף האט זיך אנגעהויבען

די האלטונג פון די פארשטעהער פון דעם „אינדוסטריעל קאונסיל", לעצטע וואך, אויף די קאנפערענצען מיט די פארשטעהער פון דער יוניאן; זייער עקשנות און זייער צוריקהאלטען זיך פון זאגען עפעס באשטימטעס, וואס זיי זיינען וויליג נאכצוגעבען און וואס ניט, וואס עס האט געמוזט פיהרען צו דעם אז די קאנפערענצען זאלען אפגעבראכען ווערען אהן אירגענד וועלכען רעזולטאט, האט מעהר געשטארקט דעם קאמפסגייסט ביי די סטרייקער. דאס האט זיי געוויזען קלאר און דייטליך, אז די באלעבאטים האבען נאך אלץ ניט געקראגען דעם נויטיגען לעסאן, און דאס דער גרויסער סטרייק מוז איצט געפאכטען ווערען נאך מיט מעהר ענערגיע ווי ביז איצט. דאס האט אויף דאס ניי באוויזען די סטרייקער, ווער זייערע באלעבאטים זיינען; ווי שווער עס איז פון זיי ארויסצורייסען דעם ביסען ברויט, צו וועלכען די ארבייטער זיינען אזוי בארעכטיגט!

און אלע ווי איינער האבען זיך אויף דאס ניי א נדר געטאן: קעמפען נאך מיט מעהר אפפערוויליגקייט, ביז די דאזיגע באלעבאטים וועלען מוזען עפענען די מיילער און רעדען. ביז זיי וועלען מוזען נאכגעבען די גערעכטע פאדערונגען, פאר וועלכע דער סטרייק איז גערופען געווארען. דאס איז געווען דער גייסט פון דעם שאפ טשערמאן מיטינג לעצטען שבת אין דער פריה, און דאס איז געווען דער גייסט אויף די אלע מיטינגען אין די סטרייק־האלס.

אלע ווי איינער האבען אויסגערופען: „מיר וועלען קעמפען ביז צו א זיגרייכען ענד, ווי לאנג דער קאמף וועט מוזען געדויערען".

די זיצונגען פון דער קאנפערענץ זיינען פארגעקומען אין אפיס פון דעם אומפארטייאישען טשערמאן אין דער קלאוק אינדוסטריע, מר. ריימאנד וו. אינגערסאל, וועלכער איז געווען דער טשערמאן פון די זיצונגען.

אין דער קאנפערענץ האבען זיך באטייליגט די פאלגענדע פערזאנען:

די יוניאן איז געווען פארטראטען דורך פרעזידענט זיגמאן, לואיס היימאן, סאלאוודארע ניגפא, דייוויד דובינסקי, דזש. בארובאוויטש, טשארלס זימערמאן, דזש. פיש, איזידאר סטענזאר און א. זירלין.

דער „אינדאסטריעל קאונסיל" איז געווען פארטראטען דורך העגרי ה. פינדער, טשערמאן, לואיס לוסטיג, דזשארדזש

(שלוס אויף זייט 2)

מיטגלידער פון לאקאל 22 ווערען אויפגעפאדערט צו באצאהלען זייערע שולדען צו דער יוניאן צו צו העלפען דעם קלאוק סטרייק

די דרעס־ און וויסטמאכער יוניאן, לאקאל 22, האט ארויסגעשיקט צו די מיטגלידער דעם פאלגענדען רוף, כדי צו קענען העלפען דעם קלאוק סטרייק אין ניו יארק:

„אלע דרעסמאכער ווערען אויפגעפאדערט פון דער יוניאן גלייך צו באצאהלען אלע זייערע דיוס און יוניאן שולדען. אין דרעס טרייד איז איצט זעהר ביזי, די ארבייטער זיינען באשעפטיגט און עס וועט זיי איצט זיין פיל גרינגער צו באצאהלען ווי אין אן אנדער צייט.

„עס איז אימער בעסער צו באצאהלען דיוס רעגעלמעסיג, אבער פילע מעמבערס פארנאכלעסיגען עס. די יוניאן פארלאנגט פון אלע מעמבערס ניט צו פארנאכלעסיגען עס מעהר אין דער איצטיגער צייט. יעדער ארבייטער קען פארשטעהן ווי וויכטיג עס איז, אז די יוניאן זאל איצט קריגען די דיוס. דער דרעס דעפארטמענט פיהרט איצט אן א העפטיגען קאמפיין צו ארגאניזירען דעם טרייד און דאס קען ניט געטאן ווערען אהן א גענוגענדער סומע געלט. אבער א חוץ דעם מוז די יוניאן האבען ריזיגע סומען צו פיהרען דעם קלאוק סטרייק. זי מוז האבען געלט פאר סטרייק בענעפיט און פאר אלע אנדערע גרויסע עקספענסעס פון א סטרייק. אויב די דרעסמאכער, וועלכע זיינען שולדיג דיוס, וועלען פארנאכלעסיגען גוטצומאכען זייערע שולדען, וועלען זיי ניט נאר מאכען די לאגע שווער פאר זיך אליין, נאר זיי וועלען באגעהן א פארברעכען געגען זייערע סטרייקענדע ברידער און שוועסטער פון קלאוק טרייד.

„אלע דרעסמאכער, אהן אויסנאהם, ווערען אויפגעפאדערט פון דער יוניאן גלייך גוטצומאכען אלע זייערע שולדען".

א סטייטמענט פון ס. זיגמאן און ל. היימאן ווען דער קאנפערענץ איז אונטערבראכען געווארען

„די פארטרעטער פון דער יוניאן האבען מיט אלע כוחות געפרואווט קומען צו אן אויסגלייך, אבער עס איז געווען אונמעגליך. אפילו אויף דער פראגע וועלכע די באסעס האבען אם מעהרסטען באטאנט — די פראגע פון פראדאקשאן און קאנטראל אין שאפ — אפילו אין דיזער פראגע האט די יוניאן פארגעשלאגען א געוויסען פלאן וואס וואלט געקענט לייזען די פראגע. אבער די באסעס האבען גאר ניט פארגעשלאגען וואס זאל קאנען אנגענומען ווערען פון דער יוניאן און די מיטגלידער. אויף דער יוניאנ׳ס פאדערונגען פאר לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס, א 40 שטונדיגע ארבייטס וואך, א גאראנטי פאר 36 וואכען ארבייט א יאהר און א רעיז אויף די ווידזשעס האבען זיי ניט געגעבען קיין שום באשטימטען ענטפער. זיי האבען געמאכט אלערליי פוסטע פארשפרעכענס, אז אין דער צוקונפט וועט זיין „אלל־רייט", אבער קיין גענויע און באשטימטע פארשלאגען האבען זיי נישט געמאכט. דאס באווייזט ווי ערנסט די מאנופעקטשורערס האבען גענומען די גאנצע געשיכטע און מיט וויפיל אויפריכטיגקייט זיי האבען זיך אפגערופען אויף דעם פארלאנג פון דעם גאווערנאר צו סעטלען דעם סטרייק דורך קאנפערענצען.

„ווי פיין און שעהן די פארשפרעכענס פון די מאנופעקטשורערס זאלען נישט זיין, האבען זיי אבער קיין שום באדייטונג ניט כל־זמן זיי גיבען נישט נאך די באשטימטע פאדערונגען פון די ארבייטער. די קלאוקמאכער קאנען ניט לעבען מיט זיסע פארשפרעכענס פאר דער צוקונפט. זיי מוזען מאכען א לעבען באלד, היינט. איין מאל פאר אלע מאל מוז אפגעשטעלט ווערען דער כאאס און די ברוטאלע עקספלואטאציעס פון אונזערע מיטגלידער. די הפקרות פון די בעלי־הבתים, די ארבייטסלאזיגקייט און די אונמעגליכע לעבענס־באדינגונגען מוזען איין מאל פאר אלע מאל געסטאפט ווערען. די באסעס פון דעם אינדוסטריעל קאנסול קאנען זיך נישט אויסדרעהען פון פאראנטווארטליכקייט מיט דעם אויסרייד, אז זיי זיינען ניט קיין דזשאבערס. די אונטערזוכונגען פון דעם גאווערנארס קאמישאן האבען שוין ניט איין מאל גראדע יע באוויזען, אז א גרויסע טייל פון זייער ביזנעס ווערט געטאן לויט דעם סיסטעם פון דזשאבינג.

„די יוניאן איז נאכגעקומען דעם פארלאנג פון גאווערנאר סמיטה צו באטייליגען זיך אין די קאנפערענצען, וועלכע זיינען געפיהרט געווארען זעהר פעהיג פון דעם אונפארטייאישען טשערמאן מר. רעימאנד אינגערסאל. אבער עס איז געווען אין גאנצען אומזיסט, ווייל גלייך פון אנפאנג איז געווען קלאר, אז די יוניאן איז געווען גערעכט, ווען זי האט באשולדיגט די מאנופעקטשורערס, אז זיי זיינען נאך אלץ באמת ניט פאראינטערעסירט צו מאכען שלום אין טרייד.

„נאך אמאל האבען זיי ארויסגעבראכט זייערע טענות וועגען ארביטריישאן. די נארישקייט פון אזא פאדערונג קאן לייכט פארשטאנען ווערען, ווען מען נעמט אין אנבאטראכט, אז די קאמישאן, וועלכע איז באשטימט געווארען פון גאווערנאר, האט שטודירט די קלאוק־אינדוסטריע און האט געזאמעלט די אינפארמאציע צוויי יאהר נאכאנאנד. און ווען זי איז פארטיג געווארען האט זי ניט געקאנט אויסארבייטען א לייזונג פאר די פראבלעמען פון אונזער אינדוסטריע. אויב די קאמישאן האט דאס ניט געקענט טאן, קען מען נישט ערווארטען, אז אן ארביטרייטאר וואלט געקאנט אויספיהרען עטוואס מעהר.

„מיר האבען געטאן אלץ וואס מיר האבען געקענט צו קומען צו א פארשטענדניס מיט די באלעבאטים ביי דיזע קאנפערענצען. די פאראנטווארטליכקייט פאר דעם דורכפאל פון די פערהאנדלונגען מוז פאלען אין גאנצען אויף די קעפ פון די מאנופעקטשורערס."

דזשאינט באארד פון באסטאן האט א באדייטענדען זיג

מאטהיוס און קארעצקי שאפ פון באסטאן סעטעלט מיט׳ן באסטאנער דזשאינט באאר. — עס קומט קרעדיט פאר׳ן זיג דעם איטאליענישען לאקאל און ברודער מאראביטא.

אין פארלויף פון לעצטען גענעראל־סטרייק, וואס איז אנגעפירט געווארען פאר דער אינטערנעשאנאל דורך וויס־פרעזידענט האכמאן, אין באסטאן, איז דער יוניאן געלונגען צו ארגאניזירן דעם דרעס טרייד, מיט דער אויסנאמע פון א קליינע צאהל שאפס. די שאפס האבען זיך ארגאניזירט אין א באזונדער אסאציאישאן, מיט דעם צוועק צו באקעמפען יעדען פארזוך פון דער יוניאן צו ארגאניזירען זייערע פאבריקען.

די גרעסטע און וויכטיגסטע פירמע אין דער גרופע איז געווען די פירמע פון מאטהוס און קארעצקי. אין דעם גענעראל סטרייק פון 1924 האט אונזער יוניאן אנגעפירט א ביטערען קאמף געגען דעם שאפ, אבער דער סטרייק איז ענדליך אויפגעגעבען געווארען. אין דעם סטרייק פון 1926 האט זיך קיין איין ארבייטער פון דעם שאפ ניט אפגערופען אויף דער רוף פון דער יוניאן.

די ארבייטער פון מאטהיוס און קארעצקי זיינען כמעט אלע געווען איטאליענער, וועלכע זיינען געווען זעהר אונטערטעניג דער פירמע פאר די לעצטע 2 יאהר. בעפאר דעם לעצטען סטרייק, האט די פירמע געמאכט דיזע ארבייטער אונטערצושרייבען „יעלאו דאג" קאנטראקטען לויט וועלכע די ארבייטער האבען זיך פארפליכטעט ניט צו אנשליסען זיך אן דער יוניאן אדער אונטערשטיצען איהר, און האבען זיך פארפליכטעט ניט צו ארבייטען פאר קיין אנדער פירמע אין די פאראייניגטע שטאאטען, און פאר דעם וועלען זיי קריגען ארבייט אין פאבריק פון מאטהיוס און קארעצקי, — ווען ארבייט איז דא!

דיזע קאנטראקטס זיינען צוגעגרייט געווארען פון א באסטאנער אטוירני, ע. ארלאוו, הויפטזעכליך מיט דעם צוועק צו שאפען א באזיס פאר אן אינדזשאנקשאן

(שלוס אויף זייט 12)

ריינקאוט מאכער סטרייק אין באסטאן ערפאלגרייך געענדיגט

דער ריינקאוטמאכער סטרייק אין באסטאן, פון אונזער לאקאל 24, האט גע־דויערט א קנאפע וואך צייט און האט זיך פארענדיגט מיט א זיג פאר די ארבייטער און פאר דער יוניאן. דער סטרייק איז גאנץ ענערגיש פארבארייטעט און געפירט געווארען פון וויס פרעזידענט דזשוליוס האכמאן.

דינסטאג פארנאכט האבען מיר באַ־קומען פון דער סטרייק־קאמיטע, פון דער באסטאן ריינקאוטמאכער יוניאן דעם פאלגענדען באריכט:

באסטאן, דעם 30טען אויגוסט.

אן אגרימענט איז דערגרייכט געוואָ־רען צווישען דער באסטאנער וואטערפרוף גארמענט מאנופעקטשורערס אסאסיאיי־שאן, באשטעהענד פון די וויכטיגסטע באלעבאטים פון שטאדט, און דער וואָ־טערפרוף גארמענט ווארקערס יוניאן, נאכגעבענדיג פאקטיש יעדע פאדערונג פון די סטרייקערס. דינסטאג וועט אפגעהאל־טען ווערען א מאססמיטינג אין 11 ביטש סטריט צו פייערען דיזען זיג. די שעפער, וועלכע זיינען שוין פריהער אוועק אר־בייטען, וועלען אפשטעלען די ארבייט, כדי אלע ארבייטער זאלען קאנען קומען צום מיטינג, וועלכער וועט אדרעסירט ווערען פון דזשוליוס האכמאן און אנדערע.

די ריינקאוט מאכער פון באסטאן הא־בען גוטע אורזאכען צו פרעהען זיך, ווייל נאר מיט א וואך צוריק איז די לאגע געווען ניט זעהר פרעהליך. היינט האבען זיי א שטארקע יוניאן צו אפהיטען די קאנדי־ציעס, וועלכע זיי האבען געוואונען. די באסטאנער ריינקאוט־מאכער האבען איצט א 42 שטונדיגע און 5 טאגיגע ארבייטס־וואך, צייט און א האלב פאר אווערטיים, דריי באצאלטע לעגאלע ימים טובים, און דאס רעכט צו אפהיטען אנדערע לעגאלע ימים טובים, אהן פיי.

יעדער ארבייטער, צי ער ארבייט פון וואך, אדער שטיק, ווען ער ווערט גע־רופען אין שאפ, ווערט גאראנטירט א האלבען טאג ווייזשעס. צעמענטערס ווערען גאראנטירט א גאנצען טאג וויי־דזשעס. די באלעבאטים האבען זיך אויך פארפליכטעט צו אפהיטען די סא־ניטארע געזעצען פון דזשאינט באָרד אוו סאניטארי קאנטראל פון ניו ענגלאנד.

דער מינימום סקייל פון ווייזשעס פאר ארבייטער איז ווי פאלגט:

אפערייטארס (מענער)	$44.00
אפערייטארס (פרויען)	35.00
צעמענטערס	46.00
קאטערס	44.00
פרעסערס	44.00
אונטער־פרעסערס	38.00
טיילערס	44.00
טיילערס־העלפער	32.00
פינישערס	25.00

פאר שטיק־ארבייטער איז דער מי־נימום סקייל ווי פאלגט:

אפערייטארס (מענער)	$1.25	א שט.
אפערייטארס (פרויען)	1.00	„
צעמענטערס	1.31	„
קאטערס	1.25	„
פרעסערס	1.25	„
אונטער־פרעסערס	1.08	„
טיילערס	1.25	„
טיילערס העלפער	0.91	„
פינישערס	0.71	„

אזוי לאנג ווי עס איז נאך פאראן איין שאפ אין סטרייק, וועלען די אר־בייטער אין די אנדערע שעפער אנפאנ־גען ארבייטען 9 א זייגער אנשטאט 8 ווי געוויינליך, כדי זיי זאלען קענען אנ־טיילנעמען אין די פיקעטינג פון די ניט־יוניאן שעפער. עס האט זיך ארויסגע־וויזען, אז מאסען פיקעטינג איז זעהר עפעקטיוו און דורך דעם זיינען ארונ־טערגענומען געווארען א גרויסע צאל ארבייטער פון דעם שאפ פון די קאס־מאפאליטען מענופעקטשורינג קאמפאני, וועלכער געפינט זיך אין 66 בראדוויי, קיימברידזש, פון וועלכען פרעד מאנא־סאן איז באלעבאס. אונטער דער פיה־רערשאפט פון דזשוליאס האכמאן, הא־בען הונדערטער פיקעטס באלאגערט דעם שאפ און האבען באאיינפלוסט די אר־בייטער ניט אריינצוגעהן אין שאפ ארבייטען.

דיזע מאס־פיקעטינג איז דורכגע־פירט געווארען ביי מאנאסאנס שאפ, בלויז נאכדעם, ווי ער האט געבראכען א מינדליכען אגרימענט, וועלכען ער האט געמאכט מיט האכמאנען נאך איי־דער דער סטרייק איז ארויסגערופען גע־ווארען לעצטען דינסטאג, פארפליכטענ־דיג זיך צו נאכגעבען די יוניאנס בא־דינגונגען. די סטרייק פיהרער זיינען געווען אזוי זיכער, אז מאנאסאן וועט האלטען זיין ווארט, דאס עס איז ניט געמאכט געווארען קיין פארזוך צו פי־קעטען זיין שאפ, ווען דער סטרייק האט זיך אנגעפאנגען, אדער צוריקהאלטען זיינע ארבייטער פון אריינגעהן אין שאפ ארבייטען. מר. מאנאסאן האט היינט פארנאכט נאכגעגעבען די פאדערונגען פון דער יוניאן און האט אונטערגעשרי־בען דעם אגרימענט.

צווישען די ערשטע באלעבאטים אונ־טערצושרייבען דעם אגרימענט איז גע־ווען מר. לואיס קאליס, אייגענטימער פון דער אמעריקאן וועטערפרוף ריינקאוט קאמפאני, מיט הויפט־אפיס אין 1020 וואשינגטאן סטריט, וועלכער איז בא־וואוסט אלס דער „קעניג פון דער ריינ־קאוט אינדוסטריע“, און וועלכער בא־שעפטיגט 200 מאשינס און 300 ארביי־טער. מר. קאליס, וועלכער האט יאה־רען־לאנג באקעמפט די יוניאן, האט גע־מאכט דעם פאלגענדען סטייטמענט, ער־קלעהרענדיג, אז ער איז צופרידען צו הא־בען אן ארגאניזירטען שאפ:

„באטש דער גענעראל־סטרייק, וואס די יוניאן האט ארויסגערופען האט אונז ניט זעהר שטארק אנגעריהרט, דאך פיהלען מיר, אז א סטאנדארדיזירונג פון אר־בייטס־שטונדען און ווייזשעס פאר די ארבייטער וועט זיין פון גרויס נוצען פאר דער גאנצער אינדוסטריע. מיר זיינען איבערצייגט, אז די איצטיגע פאדערונגען פון דער יוניאן זיינען גערעכטע און יושר'דיגע און וועט ניט ארויפלייגען קיין איבעריגע לאסט אויף דער אינ־דוסטריע, אדער אויף דעם קאנסומער. מיר ווייסען אויך, אז די מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען גוטע ארבייטער און מיר זיינען צופרידען, וואס מיר זיינען געקומען צו דיזער פארשטענדיגונג און צו באשעפטיגען זיי אין אונזער קאמ־פאני“.

סעטעלמענט העדקווארטערס זיינען געעפענט געווארען אין ברוסטער האטעל. כדי צו באזארגען די מאנופעקטשורערס מיט מעקעניקס, ווייל ס'איז פאראן א מאנ־געל אין ארבייטער אין דער ריינקאוט אינדוסטריע אין דער איצטיגער צייט, וועט די יוניאן עפענען א טריינינג שאפ מיט דעם צוועק אויסצולערנען מענשען צו ארבייטען ביי ריינקאוטס. עס איז ברודער האכמאנ'ס מיינונג, אז מענ־שען, וועלכע האבען געארבייט אין אנ־דערע צווייגען פון דער נאדעל־אינדוסט־ריע, קענען ווערען גוטע ריינקאוט אר־בייטער נאך פיר אדער פינף טעג אי־בונג. יעדער ארבייטער וועט דארפען דורכמאכען אן עקזאמען פאר א קאמי־טע איידער ער וועט אריינגענומען ווע־רען אין דער יוניאן און באקומען א דזשאב.

אין פארלויף פון סטרייק איז פאר־געקומען בלויז איין פאל פון אומארד־נונג, און דאס איז געווען, ווען אן אר־גאניזירטע גענג פון 15 מענער, בא־וואפענט מיט שטיינער און שטעקענס, זיינען באפאלען א קאמיטע פון דריי סטרייקערס, וועלכע האבען געפיקעט דעם שאפ פון אטלאס גארמענט קאמפא־ני, 7 דזשעקסאן סטריט, הייד פארק. איין סטרייקער, הערי ליטוויען, האט גע־קראגען א גרויסען שניט אין קאפ. מען האט איהם שנעל געבראכט צו א דאק־טאר און מען האט איהם געמאכט פער־צען סטיטשעס אין קאפ. נאך א סטריי־קער, מאריס זאלא, איז אטאקירט גע־ווארען פון פרענק קליגמאן, דער באלע־באס פון א שאפ, און האט געקראגען קלעפ. די יוניאן האט ארויסגענומען א סאמאנס פאר קליגמאן און צוויי אנדערע, וועלכע האבען זיך באטייליגט אין דער אטאקע.

לייבאר דעי וועט זיין א גרויסער יום טוב אין דער יוניטי הויז

גרויסע פלענער זיינען געמאכט געוואָ־רען פאר דער פייערונג פון לייבאר דעי דעם וויק־ענד אין יוניטי הויז. עס וועט דארט געגעבען ווערען א פארשטעלונג. ער וועט אויפגעפירט ווערען דוד פינ־סקי'ס איין־אקטער, „דער דאלאר“, און עס זיינען באשטעלט געווארען ספעציע־לע קאסטיומען דערפאר. אין דער פאר־שטעלונג וועלען זיך באטייליגען באקאנ־טע אקטיארען, ווי אויך יוניטי געסט. די פארשטעלונג וועט רעזשיסירט פון דוד פינסקי אליין.

עס וועט דארט אויך געגעבען ווערען א רייכער קאנצערט, מיט דער באטיי־ליגונג פון פראמינענטע ארטיסטען. דער יוניטי כאר פון קינדער און ערוואקסענע, אונטער דער לייטונג פון מר. פער־סין, וועלען זינגען פאלקס און ארבייטער לידער.

פארבארייטונגען ווערען אויך געמאכט פאר פארשידענע אנדערע פארוויילונגען, טענץ, געזאנג, שווימען, שפילען א. אז. וו. עס וועט זיין א וויק־ענד פון פאר־גניגען און גענוס.

א רייכער פראגראם ווערט גלייכצייטיג אויך פארבארייטעט פאר'ן צווייטען וויק־ענד, וואס פאנגט זיך אן מיט ראש־השנה, דאנערשטאג און פרייטאג, דעם 9טען און 10טען סעפטעמבער. דאס מיינט א וויק־ענד פון דאנערשטאג, פרייטאג, שבת און זונטאג, כמעט א וואך צייט. די וואס ווילען ארויספארען, זאלען זיך באלד רעדזשיסטרירען אין אינטערניי־שאנאל אפיס, 3 וועסט 16טע גאס, 3טער פלאר. פאר נאך לייבער דעי וועלען אויך אויפגענומען ווערען פאמיליען מיט קינדער. רעדזשיסטרירט זיך גלייך.

דער ליבין טאג אין יוניטי הויז לעצטען שבת

די יוניטי הויז האט געהאט נאך א גרויסען טאג, לעצטען שבת, ווען עס איז דורכגעפירט געווארען א יום־טוב לכבוד ז. ליבין, דער באוואוסטער אידישער שרייבער. די הונדערטער געסט אין יוניטי הויז האבען זיך פארזאמעלט אין פיין־גראוו און האבען ביינעוואוינט א שעה־נע און גייסטרייכע אונטערנעמונג. די פארלעזונגען פון ליבינ'ס סקיצען האבען זעהר אמוזירט דעם עולם. זיי האבען אויך הנאה געהאט פון איזידאר קעשיר, וועלכער האט פארגעלעזען די „עברה“.

די קינדער אין יוניטי הויז, אונטער דער פירערשאפט פון מינא מייזא, הא־בען געטאנצט, און דער כאר פון קינדער און דערוואקסענע, אונטער דער לייטונג פון מר. פערסין, איז זעהר ענטוזיאס־טיש אויפגענומען געווארען. מר. פער־סין האט געקראגען אלס מתנה א בריף־קייס, אלס אנערקענונג פאר זיינע ליי־סטונגען. גרענאר מאטוסעוויטש, דער באוואוסטער קאצערטינא ווירטואז, מיט דער באגלייטונג פון מר. סאמוז, דער באוואוסטער פיאניסט, האט פראכטפול געשפילט אויף זיין זעלטענעם אינסטרו־מענט. דער עולם איז געווען איז א יום־טוב'דיגער שטימונג, וואס מען קען עס נאר זעהן אין ארבייטער־טעמפעל, די יוניטי הויז.

ווער עס וויל באמת א הנאה האבען פון לעבען, ווער עס וויל וויסען ווי אזוי מענשען קענען באמת גוט פארברענגען, זאלען ניט פארפעלען ארויסצופארען די וואך אדער די קומענדע. די יוניטי הויז וועט זיין אפען ביז דעם 20טען סעפטעמ־בער, אריבער יום־כפור. רעדזשיסטרירט זיך באלד.

דרעסמאכער

אויפמערקזאם!

אלע דרעסמאכער זיינען ערלויבט צו ארבייטען דעם קומענדען שבת, 4טען סעפטעמבער, צוליב דעם וואס מאנטאג איז לייבאר דעי.

מיט ברודערליכען גרוס,

דזשאינט באארד, קלאוק און דרעסמאכער יוניאן.

לואיס היימאן, דזשענעראל מענעדזשער.

מיר שיקען
אמעריקאנער דאלארס

$

נאך סאוויעט רוסלאנד, אוקראינע, פוילען, ליטא, לאטוויא, עסטרייך, רומעניען, פאלעסטינע, מעקסיקא און אלע אנדערע לענדער.

אויב איהר האט קרובים אין אירגענד וועלכע לאנד אין דער וועלט און איהר ווילט זיי שיקען עטליכע דאלאר אויף יום טוב, קענט איהר עס טאן אמבעסטען דורך אונזער באנק.

אונזער „טראנסמישאן דעפארטמענט“ איז יעצט אזוי איינגעארדענט, אז אייער געלט וועט אנקומען צו אייערע קרובים אין דער שנעלסטער צייט, און אז זיי וועלען קריגען אויסגעצאהלט אין הויז אריין די פולע סומע אין אמעריקאנער דאלארס.

אויסער דעם רעסיט וואס איהר באקומט פאר אייער געלט אין אונזער באנק, שטעלען מיר אייך אויך צו א רעסיט פון אייערע קרובים, אז זיי האבען דאס געלט ערהאלטען. פאלס מען קען זיי ניט אויסגעפינען באקומט איהר אייער געלט צוריק.

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

5טע עוועניו, קארנער 21טע סטריט

עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

אויסצוגען פון דעם נייעם 32 פיידזש בולעטין פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פאר 1926–27

די צוועקען פון ארבייטער בילדונג

די פונקציע פון ארבייטער בילדונג איז צו העלפען אין דער העכסט וויכטי־גער ארבייט צו מאכען די וועלט א בע־סערען פלאץ פאר אלעמען. עס איז די מיסיע פון די ארבייטער זעלבסט צו פארניכטען די אומגלייכהייט און אומ־גערעכטיגקייט פון וועלכע זיי ליידען, און דאס קענען זיי דערגרייכען נאר דורך ארגאניזאציע. עס איז קלאר, דאס דער עקאנאמישער כח איז פיל מעהר עפעק־טיוו, אויב עס ווערט אנגעווענדעט פון אינטעליגענטע, גוט אינפארמירטע, קלאר־דענקענדע מענער און פרויען.

דער ציל פון די עדיוקיישאנאל קא־מיטעטען פון דער אינטערנעשאנאל לייד־דיס גארמענט וואירקערס יוניאן איז צו באזארגען די ארבייטער באוועגונג מיט אזעלכע מענער און פרויען. די קורסען, וועלכע זיינען ארגאנזשירט געווארען פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, באצוועקען צו געבען די מיטגלידער פון דער יוניאן די פאקטען פון דער סאציאלער וויסענ־שאפט, וועלכע קאנען דינען אלס א בא־זיס פאר געזונטען דענקען, קאנען העל־פען צו שאפען עטוואס פון א אמת'ער סאציאלען און גייסטיגען ווערט, און אויסבילדען זיי פאר אקטיווער און ער־פאלגרייכער באטייליגונג אין דער אר־בייטער באוועגונג אלס פיהרער און אר־בייטער.

מיט אזא ציל האט אונזער אינטער־נעשאנאל אין 1917 ארגאניזירט אן ער־יוקיישאנאל דעפארטמענט, און די קאנ־ווענשאן פון 1925 האט אויטאריזירט א יעהרליכע סובסידיע פון 17,500 דאלאר פאר די קומענדע צוויי יאהר.

וואס מיר זוכען דורכצופיהרען.

די מיטגלידער פון אונזער יוניאן, וועלכע באזוכען די לעקציעס און קורסען, לערנען זעהר פיל וועגען אנגעלעגענהיי־טען, וועלכע זיינען פארבונדען מיט זיי־ער אינדוסטריע, זייער ארגאניזאציע און די ארבייטער באוועגונג. זיי לערנען ווע־גען די פסיכאלאגישע געזעצען, וועלכע רעגירען איבער די מענשליכע פארבינ־דונגען. זיי ווערען אינספירירט פון לי־טעראטור, וועלכע באריהרט דעם לעבן, די האפענונגען און ליידען פון אונזערע מע־נער און פרויען. אבער וויכטיגער פון אלעס, זיי לערנען ווי ארבייטער פלאגען זיך יאהרען לאנג צו געווינען א ביסעל פרייד און גענוס אין זייער געפלאגטען לעבען. זיי לערנען ווי אייניגקייט און סאלידאריטעט האט געהאלפען זייערע ברידער ארבייטער צו באקעמפען פאר־פאלגונג און אונטערדריקונג, און אויפ־הויבען די געזעלשאפט צו א העכערע שטופע.

די אינפארמאציע וועט העלפען מא־כען מעהר עפעקטיוו אונזער עקאנאמי־שען כוח, וועלכער איז אימער שטארקער ווען ער ווערט געפירט פון אינפארמיר־טער אינטעליגענץ. אונזער יוניאן, צום ביישפיל, איז געגרינדעט געווארען פון א גרופע וויטזיכטיגע מענשען, פול מיט ליבע און גרייטקייט צו מאכן יעדען אפפער, וועלכע האבען געפונען אין דער יוניאן זייער ארבייטער־אוניווערסיטעט. דארטען האבען זיי זיך דערוואוסט פון סאציאלע און עקאנאמישע פראבלעמען, און האבען זיך געלערנט ווי זיי צו ליי־זען. אבער אויך זיי וואלטען ווארשיינליך געקענט זיין פון א גרעסערען נוצען זיי־ער ארגאניזאציע, און דער ארבייטער־באוועגונג בכלל, ווען זיי וואלטען געווען בעסער אינפארמירט וועגען די סאציא־לע, עקאנאמישע, און אינדוסטריעלע בא־דינגונגען, וואס זיינען זיי פארעשטא־נען, ווייל די יוניאן ווערט שטענדיג מער קאמפליצירט, און איהר טעטיגקייט ווערט אימער מעהר פארשיידען. די, וואס ווילען זיין פון א גרעסערער נוצ־ליכקייט צו זייער יוניאן און צו דער אר־בייטער באוועגונג בכלל, מוזען אויך הא־בען א קענטעניש אין דער לאגע אויסער דער יוניאן.

מיר האבען אויך א גאנץ גרויסע צאל נייע מיטגלידער וועלכע זיינען נאך קיינ־מאל נים געקומען אין אזא נאהענטען קאנטאקט מיט ארגאניזאציאנס־ארבייט. זיי האבען זעהר א שוואכען באגריף ווע־גען די צילען, די פרינציפען, פאליסים און פראבלעמען פון אונזער ארגאניזא־ציע און פון דער ארבייטער באוועגונג בכלל.

בילדונג קען באַרייכערען זייער קענ־טעניש וועגען די פארגאנגענע ערפארונ־גען פון דער יוניאן, די שוועריגקייטען, מיט וועלכע זי האט זיך באגעגענט, און וועלכע שטעהען נאך אלץ איהר פאר. זיי באקאנען זיך מיט דער אינדוסטריעלער לאגע אין אונזער אינדוסטריע בפרט, און די מעגליכקייטען פון דער ארבייטער בא־וועגונג בכלל; וואס פאר א פלאץ זי פארנעמט אלס א וויכטיגע סאציאלע קראפט אין אונזער אינדוסטריעלער גע־זעלשאפט. און עס איז נויטיג, אז די אר־בייטער זאלן זיין גוט אינפארמירט, ווייל די יוניאן איז א דעמאקראטישע אינסטי־טוציע, און יעדער מיטגליד האט א דעה אין דער אנטשיידונג פון איהרע פראב־לעמען, און ער קען עס אם בעסטען אויסנוצען נאר דאן, ווען ער איז גוט אינפארמירט.

און דערצו קען דער וואוקס פון דער יוניאן ברייננען געוויסע אומגעווינשטע רעזולטאטען. יוניאן מיטגלידער פארלאנ־גען מעהר און מעהר, אז די ארגאניזאציע זאל ערפילען זייערע מענשליכע נויטען, און דאריבער באגרעניצט זיך מעהר נים די טרייד יוניאן בלויז מיט ריינע טרייד פראבלעמען. זי טרעט אריין אין דעם פעלד פון בענקינג, אינשורענס, ארבייט אין פארבינדונג מיט דעם געזונט פון די מיטגלידער, ריסוירטש, און בויען. עס איז פאראן א געפאר, אז עס זאל זיך עפענען א תהום צווישען דער טעטיגקייט וואס די יוניאן פיהרט אן, און דער מיט־גלידערשאפט. עס איז, דאריבער, וויכ־טיג, אז די יוניאן זאל אויסברייטערען איהר טעטיגקייט, כדי אריינצוציען יעדע מיטגלידער, וועלכע זיינען נים אין דירעקטער באריהרונג מיט איהר. פאר דעם צוועק האבען מיר אנטוויקעלט אונ־זער עקסטענשאן ארבייט כדי אריינציען מעמבערס, וועלכע קאנען נים באזוכען אונזערע קלאסען, און וועלכע ווילען דאך גניסען פון אונזער בילדונגס ארבייט.

אין אלע אונזערע קלאסען גיבען מיר פאקטען, נים מיינונגען, ווייל מיר גלוי־בען, אז ארבייטער בילדונג דארף זיך אפגעבען נאר מיט אזעלכע זאכען, וואס עס איז באוויזען געווארען, אז זיי זיי־נען א פאלקסמענער אמת. נאטירליך, האבען נים־באוויזענע טעאריעס א ווערט אין יעדער מענשליכער טעטיקייט. אבער דער עפעקט און דער ערפאלג איז מעהר זיכער, ווען מען האנדעלט אויף דעם בא־זים וואס מיר ווייסען אויף זיכער, אז דאס איז אמת. מיר זיינען ספעציעל פאראינטערעסירט, נאטירליך, אין אינ־פארמאציע, וועלכע העלפען דער ארביי־טער באוועגונג. אבער מיר פרובירען גע־בען אונזערע סטודענטען מאטעריאלען און פאקטען פון וועלכע זיי קענען ציען גוטע און פינקטליכע שליסע.

אקטיוויטעטען.

די טעטיגקייט פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל באשטעהט פון די פאלגענדע דריי אקטי־וויטעטען:

1. יוניטי צענטערס.

די יוניטי צענטערס זיינען אווענט־קלאסען ארגאניזירט אויסשליסליך פאר מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל. דיזע קלאסען ווערען אנגעפירט אין פאב־ליק אווענט סקולס אין דער שטאט ניו יארק.

אין יעדען יוניטי צענטער ווערט גע־געבען צוויי סארטען אינסטרוקציע, ער־שטענס, ענגליש. די לערער ווערען אנגע־שטעלט פון דעם באארד אוו עדיוקיישאן. די צווייטע אפטיילונג באשטעהט פון קלאסען אין דער געשיכטע פון דער אר־בייטער באוועגונג, סאציאלע וויסענשאפ־טען, פסיכאלאגיע, פיזישע איבונגען. די ארבייט ווערט אנגעפירט אונטער דער לייטונג פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל לעידיס גאר־מענט וואירקערס יוניאן.

2. ארבייטער אוניווערסיטעט.

דער ארבייטער אוניווערסיטעט בא־שטעהט פון קלאסען אין ארווענס אינ־סטרוקציע אין ארבייטער און קולטורעלע פראגען און סאציאלער וויסענשאפט. די יעניגע, וועלכע באזוכען דיזע קלאסען, האבען שוין גענאסען געוויסע פארבערייטונגען אין די יוניטי צענטערס און אנ־דערש וואו.

3. עקסטענשאן אפטיילונג.

אין פארלויף פון די לעצטע יאהרען, האבען מיר אויסגעברייטערט אונזער אק־טיוויטעט, כדי צו דערגרייכען אזעלכע פון אונזערע מיטגלידער, וועלכע קענען נים באזוכען די געוויינליכע קלאסען, און מיר האבען פאר זיי ארגאנזשירט קורסען און לעקציעס אויף לאקאל מיטינגען, אין לאקאל אפיסעס, און אומעטום, וואו מיר האבען זיי נאר געקענט געפינען אין אר־גאניזירטע גרופען. מיר האבען ברעה צו אפגעבען זיך זעהר ענערגיש צו אויס־ברייטערען דיזע אזוי גערופענע עקסטענ־שאן ארבייט. דערביי, נאטירליך, וועלען מיר אנהאלטען אונזערע רעגולערע קלא־סען, ווייל מיר געפינען, אז מיר קענען דורך זיי גרייכען פיל מעהר ארבייטער און העלפען זיי צו ווערען בעסערע און מעהר אינפארמירטע טרייד יוניאניסטען.

א) קורסען פאר גרופען מיטגלידער ווערען געגעבען אין די אפיסעס פון דער יוניאן, וואו מיטגלידער קומען זיך צוזא־מען פאר ארגאניזאציאנס צוועקען.

ב) לעקטשורס און רעדעס ווערען גע־האלטען ביי געשעפטס מיטינגען פון לא־קאל יוניאנס. מיטגלידער באזוכען די מיטינגען און הערען אויס דעם לעקטשור־רער אידער זיי טרעטען צו צו געשעפט־ליכע אנגעלעגענהייטען.

ג) די קורסען, ווי אויך די לעקציעס, ווערען געגעבען אין די שפראכען, וועלכע די גרופען פארשטעהן אם בעסטען — ענגליש, אידיש, רוסיש, אדער איטאליע־ניש.

ד) דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט ארגאנזשירט אויך סאציאלע אקטיוויטע־טען. מוזיקאלישע און סאציאלע צוזא־מענקונפטען פאר מיטגלידער און זייערע פאמיליען ווערען אפגעהאלטען אין די פארשידענע געגענטען. געזאנג און כאר פארנעמט א וויכטיגען פלאץ אויף דיזע אונטערנעמונגען. פראמינענטע רעדנער אדרעסירען דעם עולם וועגען סאציאלע און ארבייטער פראבלעמען. עקסקורזי־שאנס, הייקס, באזוכען אין די מוזעען, א. א. וו., פאר מיטגלידער פון דער יו־ניאן און זייערע פריינד, ווערען אויך ארגאנזשירט.

„די אידישע ארבייטארין אין ארץ ישראל", די טעג ערשינען

די טעג איז ערשינען די בראשורע „די אידישע ארבייטארין אין ארץ־ישראל", ארויסגעגעבען פון דער פרויען ארגאניזא־ציע פאר די חלוצות אין ארץ־ישראל.

די בראשורע אנטהאלט וויכטיגע אר־טיקלען וועגען דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין ארץ־ישראל בכלל און ווע־גען דער אידישער ארבייטארין בפרט. אין דער בראשורע איז אויך דא א גענויער בא־ריכט פון דער דריטער פרויען קאנפערענץ, וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען אין ארץ־ישראל לעצטען פסח. אויך זעהר אינ־טערעסאנטע רעפעראטען, וועלכע זיינען געהאלטען געווארען צו דער קאנפערענץ און אלע אנגענומענע רעזאלוציעס.

דאס איז די ערשטע בראשורע, וועלכע שפיגעלט אפ אלע לעבעדיגע פראבלעמען פון דער אידישער חלוצה אין ארץ־ישראל און דארף אינטערעסירען יעדען איינעם, וועלכער נעמט אנטייל אין דעם אויפבוי פון דער אידישער נאציאנאלער היימלאנד.

די בראשורע קען מען באקומען אין הויפט אפיס פון דער פרויען ארגאניזאציע, 133 צווייטע עוועניו, ניו יארק.

אידישער טעאטער סעזאן אנגעפאנגען

מאריס שווארץ מיט זיין טרופע אין אמפיאן טעאטער.

מאריס שווארץ האט באשלאסען נים צו שטעהן ליידיג ביז זיין קונסט טעא־טער וועט פארטיג ווערען אויף סעקאנד עוועניו. דערווייל וואס־ווען וועט ער שפילען מיט זיין טרופע אין אמפיאן טע־אטער, וויליאמסבורג, אין רעפערטואר.

דאנערשטאג בייטאג און אבענד, דעם 9טען סעפטעמבער, וועט שווארץ מיט זיין קינסטלער קאמפאני שפילען „טביה דעם מילכיגען", פון שלום עליכם; פריי־טאג, דעם 10טען סעפטעמבער, בייטאג און אבענד — „דאס גרויסע געווינס", פון שלום עליכם; שבת בייטאג און אבענד, דעם 11טען סעפטעמבער — לייוויק'ס „שמאטעס", און זונטאג בייטאג און אבענד — „שבתי צבי".

די נייע היים פון אידישען קונסט־טעאטער אויף סעקאנד עוועניו און 12טע סטרים וועט זיך עפענען דאנערשטאג, דעם 17טען אקטאבער מיט גאלדפאדענס מוזיקאלישע שפיל „דאס צעהנטע געבאט" (לא תחמוד).

יעקב בן עמי עפענט אירווינג פלייס קונסט טעאטער

מאנטאג אבענד האט יעקב בן עמי ערעפענט אירווינג פלייס קונסט טעא־טער מיט יעהודאיגאוו'ס טעאטער־שפיל „די שיף מיט צדיקים". די פיעסע איז רעזשיסירט געווארען פון בן עמי און דעם פראפעסאר אליין, וועלכער איז אויך א מוזיקער און געשריבען די מוזיק צו זיין פיעסע. די מאסקעס פאר דעם „שפיל אין שפיל" זיינען געמאכט פון סקולפטאר א. גודעלמאן.

אין דער פיעסע נעמט אנטייל דער גאנצער קינסטלער פערסאנאל פון דעם אירווינג פלייס טעאטער.

ווילנער טרופע עפענט דעם סעזאן אין ליפצין טעאטער

די ווילנער טרופע אונטער דער די־רעקציע פון אלעקסאנדער אזרא, האט ערעפענט איהר סעזאן אין ליפצין טעא־טער, באווערי, מיט „ראספוטין און די צאריצא", דראמא אין 4 אקטען, פון גראף מאלטאקי און פראפ. שטשעגאלעוו. די פיעסע איז איבערזעצט פון רוסישען פון י. אשעראוויטש און רעזשיסירט פון ד. ס. מאנקא. אין דער פיעסע באטייליגען זיך אויך א ציגיינער כאר און א באלעט. די גאנצע ווילנער טרופע נעמט אנטייל.

די פיעסע וועט געשפילט ווערען א גאנץ יום טוב.

דער „מאדיאקאט" טרעט אריין אין זיין צווייטען סעזאן

דער „מאדיאקאט שפיל", דער איינ־ציגער אידישער מאריאנעטען טעאטער אין דער וועלט, פאנגט אן זיין צווייטען נייעם סעזאן שבת אבענד, דעם 18טען סעפטעמבער.

הייריאהר האט זיך דער מאדיאקאט אריינגעקליבען אין א נייעם שעהנעם טע־אטער, אין 95 צווייטע עוועניו, צווישען 5טע און 6טע גאס, אין מיטעלפונקט פון אידישען טעאטער דיסטריקט.

דער נייער טעאטער איז שעהן אויס־געשטאטעט, האט באקוועמע ביינק, אנ־גענעהמע באלייכטונג, אייגענארטיגע דעקאראציעס און איז בכלל בעסער צו־געפאסט צופרידענצושטעלען די מאדיא־קאט באזוכער.

דער טעאטער עפענט זיך מיט אן אינטערעסאנטען פראגראם:

„דער דיבוק", א לאך־רייכע פארא־דיע, פון זוני מאוד.

„די פעפערדיגע אידעלאך", א שפאס־האפטע אידילישע אפערעטא, פון יוסף קאכלער.

„מינועט", א טאנץ פאנטאזיע, פון רושעק טווארקאוו.

מוזיק צו די אלע נומערן איז ארראנ־זשירט פון משה ראפאפארט.

אנפאנגענדיג שבת, דעם 18טען סעפ־טעמבער, וועט דער מאדיאקאט שפילען יעדען אבענד אין וואך, שבת און זונטאג מאטינעע.

באריס טאמאשעווסקי און סעמועל ראזענשטיין וועלען שפילען אידיש טעאטער אויף בראדוויי יעדען זונטאג

מאקס טאמאשעווסקי, דער מענעד־זשער פון פילאדעלפיער גארדען טעאטער וועט יעדען זונטאג ברייננען זיין טרופע קיין ניו יארק, אין ליריק טעאטער, אויף דער 42טע סטרים און בראדוויי, וואו זיי שפילען די זעלבע פיעסען ווי אין פילא־דעלפיא. בראש פון דער טרופע שטעהען באריס טאמאשעווסקי און סעמועל ראזענ־שטיין מיט א גאנץ גרויסען קינסטלער־פערסאנאל. פ. לאסאווסקי, א יונגער דירי־גענט, וועט האבען די אויפזיכט איבער דער מוזיקאלישער טייל פון טעאטער. די ערשטע פארשטעלונגען וועלען געגעבען ווערען דעם 12טען סעפטעמבער, בייטאג און אבענד. ווי באריס טאמאשעווסקי ערקלערט, וועט ער דא שפילען בלויז די ערפאלגרייכסטע פיעסען, וואס ער וועט אויפפיהרען אין פילאדעלפיא, און וועט זעהן, אז די אידען, וואס געהען אויף בראדוויי זאלען אין אידישען טעאטער נים האבען ווייניגער צו זעהן ווי אין ענ־גלישען.

רעזאלוציע פון דזשעפערסאן האל

מיר, די שאפ טשערליים פון דזשע־פערסאן האל, פארזאמעלט ביי א מיטינג דאנערשטאג, דעם 2טען סעפטעמבער, 1926, האבען אנגענומען די פאלגענדע רעזאלוציע:

נעמענדיג אין אנבאטראכט, אז מיר זיינען אין סטרייק 9 וואכען,

נעמענדיג אין אנבאטראכט, אז דער גאווערנאר פון דיזען סטייט און אנדערע איינפלוסרייכע מענשען, וואס זאגען, אז צו סעטלען דעם איצטיגען קאמף צווישען אונז און אונזערע בעלי־בתים זאלען מיר געהן צו ארביטריישאן, און

נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאס אר־ביטריישאן האט פאר אונז אויפגעטאן גאנץ ווייניג אין די לעצטע פאר יאהר, קומען מיר צום באשלוס, אז דורך ארביט־ריישאן קענען מיר אונזער לאגע נים פאר־בעסערן.

און דעריבער באשליסען מיר אויף ווייטער אנצוהאלטען אונזער קאמף און מיט אונזערע אייגענע כחות וועלען מיר אויסקעמפען פאר אונז א זיג.

ל. ליפקין, האל טשערמאן
מ. קאנאוויטש, וויס־טשערמאן
סעם לעווין
א. גאלוב
מאקס פארבער
מאקס קאהען
ל. שערמאן.

סלאוק סטרייקערס קעמפען העלדיש און אנטשלאסען ביז א זיגרייכען ענד

(שלוס פון זייט 1)

רזשאבלאו, מאקס מייער, דזשייקאב ראפאפארט, י. גראסמאן און סעמועל קליין.

די קאנפערענצען האבען זיך אנגעהויבען פאראכטאגען מיטוואך ביטאג, און האבען זיך פארענדיגט מיט גאר נים פרייטאג ביטאג.

דער שאפ טשערמאן מיטינג לעצטען שבת

א מערקווירדיגער גייסט האט געהערשט פאראכטאגען שבת אין דערפריה אויף דעם ספעציעלען מיטינג פון שאפ־טשערליים אין וועבסטער האל. און דערזעלבער גייסט האט אויך געהערשט דעם זעלבען אין דער פריה אויף דעם קאמיטע מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין מאנהעטען לייסעאום האל.

אויף די צוויי פארזאמלונגען האבען די פיהרער פון סטרייק איבערגעגעבען א פולען באריכט פון אלץ וואס איז פארגעקומען אויף די קאנפערענצען מיט'ן „קאונסיל".

פרעזידענט זינמאן איז אויפגענומען געווארען פון די שאפ טשערליים מיט א שטורמדיגע אוואציע. ער האט ערקלערט, דאס מעגען די באלעבאטים מאכען וועלכע מאנעווערס זיי ווילען, ארייננצוציהען דער יוניאן אין אן „ארביטריישאן־דיעל", וועט זיי גארניט העלפען. אין דעם איצטיגען מאמענט, האט ער אויסגערופען, וועט די יוניאן שטעהן אייניג אנטשידען געגען אירגענד וועלכען ארביטריישאן אנבאט, פון וואנען ער זאל נישט קומען. ער האט אויפגעפאדערט די טשערליים צו זיין אויף דער וואך, צו זעהן אז די סטרייקער זאלען נאך מיט מעהר ענערגיע געהן אויף דער פיקעט־ליין, ביז דער קאמף וועט זיך פארענדיגען מיט א זיג פאר די סטרייקער.

דער מיטינג איז אויך אדרעסירט געווארען פון היימאן, בארוכאוויטש און זימערמאן. זיי האבען איבערגעגעבען, וואס עס איז פארגעקומען אויף די קאנפערענצען. זיי האבען אנגעוויזען, דאס די באלעבאטים זיינען צוגעדריקט צו דער וואנט, און אנגעוויזען, אז איצט מוז דער סטרייק פארטגעזעצט ווערען נאך מיט מער ענערגיע ווי ביז איצט.

דער שאפ־טשערמען־מיטינג האט איינשטימיג גוטגעהייסען די שטעלונג פון דער פיהרערשאפט פון סטרייק און זיי אויפגעפאדערט צו געהן ווייטער אין דעם זעלבען וועג.

מאנטאג און דינסטאג איז אויסגעצאהלט געווארען סטרייק־בענעפיט

מאנטאג און דינסטאג האט מען אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד אויסגעצאלט סטרייק־בענעפיט צו די קלאוקמאכער. די סומע, וואס איז אויסגעצאלט געווארען, באטרעפט ארום 150 טויזענט דאלאר.

נייע סעטעלמענטס

פון דער סעטעלמענט־קאמיטע לאזט מען אונז וויסען, אין דער צייט ווען די שורות ווערען געשריבען, ד. ה. דינסטאג, האבען געסעטעלעט מיט דער יוניאן 13 גרויסע פירמען, מאנופעקטשורער, און 1 דזשאבער. די סעטעלמענט־קאמיטע האט אפליקיישאנס פאר א סעטעלמענט פון נאך פירמען און נאך סעטעלמענטס ווערען געמאכט כמעט יעדען טאג.

גייסטרייכע קאנצערטען אין די סטרייקערס האלס

די קאנצערטען, וועלכע מיר האבען ביז איצט דורכגעפירט אין די סטרייקערס האלס, וואו אונזערע קלאוקמאכער פארזאמלען זיך, זיינען געווען א גרויסער ערפאלג. אלע ארטיסטען, וועלכע האבען אין די קאנצערטען אנטייל גענומען, האבען אינספירירט דעם עולם, און האבען אויך באקומען א פיינע און הארציגע אויפנאמע. כמעט אלע סטרייקערס, פון יעדען געגענד פון שטאדט, מיט דער אויסנאמע פון עטליכע זוייטערע דיסטריקטען, האבען די קאנצערטען באזוכט.

לעצטע וואך איז אין [illegible]זווילער לייבאר לייסעאום געגעבען געווארען אן אויסערגעוויינליכע אינטערנעמונג. דארט ווערען די קאנצערטען באזוכט פון די סטרייקער, זייערע פרויען און קינדער. עס איז געווען זעהר א היימישע שמחה'לע און פאר א ווילע האבען די מענער און פרויען פארגעסען וועגען זייערע צרות און זייערע טאג־טעגליכע דאגות און האבען זיך געפונען אין א שעהנער וועלט, וועגען וועלכער זיי האבען אפט געחלום'ט.

דער ערפאלג פון דעם קאנצערט, ווי אויך פון די פריהערדיגע, איז צו פארדאנקען די קאאפעראציע פון רעי פארטער מילער, טאלאנטירטע יונגע קאלאטורא סאפראנא; אברהם בערג, א טאלאנטירטער, יונגער וויאלאניסט; סעמיועל סיבאלסקי, דער באליבטער טענאר; ה. וויינער, אונזערער א סטרייקער, וועלכער פארמאגט א רייכע באריטאן שטימע. מיר קענען נים איבערשעצען די לייסטונגען פון די טאלאנטירטע און באגאבטע אקאמפאניסטען, מארק פערפער און רעבעקא ברוקמייער. דיזע ארטיסטען האבען געגעבען א גייסטרייכען קאנצערט און זיינען ענטוזיאסטיש ארויסגערופען געווארען פילע מאל.

קאנצערט פאר סטרייקערס אין קלינטאן האל מיטוואך, 15טען סעפטעמבער, 1 אזייגער

פראמינענטע ארטיסטען וועלען אנטייל נעהמען.

נאך א קאנצערט פאר אונזערע סטרייקער ווערט אראנזשירט אויף מיטוואך, דעם 15טען סעפטעמבער, איינס אזייגער ביטאג, אין קלינטאן האל, 151 קלינטאן סטריט. די ארטיסטען, וועלכע וועלען אנטייל נעמען, זיינען ווי פאלגט: לודמילא מארעצקא, סאפראנא; אברהם בערג, וויאלאניסט; סעמיועל סיבאלסקי, טענאר; ה. וויינער, באריטאן און רעבעקא ברוקמייער און מארק פערפע, אקאמפאניסטען. עס וועט זיך אויך באטייליגען דער באוואוסטער שילער'ס בענד. מאריס שווארץ, דער באוואוסטער אידישער אקטיאר, וועט אונטערהאלטען דעם עולם. די נעמען זיינען דער בעסטער גאראנטי, אז דאס וועט זיין אן אויסערגעוויינליך ארטיסטישע אונטערנעמונג.

דער פראגראם איז א גרויסער, און מיר ראטען אונזערע מיטגלידער צו קומען אין האל אין צייט.

רעזאלוציע פון ארבייטער פון א געסעטעלטען שאפ

מיר, די ארבייטער פון שאפירא קלאוק האוז, פון 55 איסט 11טע סטריט, פארזאמעלט ביי א שאפ מיטינג אין דזשעפערסאן האל, דעם 31טען אויגוסט, האבען אנגענומען די פאלגענדע רעזאלוציע:

נעמענדיג אין אנבעטראכט, דאס פאר די לעצטע 9 וואכען וואס מיר זיינען געשטאנען אין סטרייק אין רזשעפערסאן האל אונטער דער פיהרערשאפט פון האל טשערמאן ל. ליפקין און מ. קאנאוויטש, וויים טשערמאן, האבען זיי זיך ווירקליך ארויסגעוויזען אלס די אמת'ע פארטרעטער אין סטרייק, דריקען מיר זיי אויס אונזער הארציגען דאנק און אנערקענונג.

מיר ווילען אויך אויסדריקען א הערצליכען דאנק דעם גאנצען סטעף פון דער האל קאמיטע, די ברידער סעם לעווין, רוב שרייער, מדינסקי, וואלטער און רים און בר. פינקעלשטיין.

יעצט, נעהענדיג צו דער ארבייט, ווייל אונזער פירמע האט שוין געסעטעלט, ווינשען מיר אין דעם נאמען פון אונזער שאפ א שנעלען און זיגרייכען סעטעלמענט פון גאנצען סטרייק אין דער נאהענטער צוקונפט.

די שאפ קאמיטע:
שערמאן און לייטנער.

דרעסמאכער קענען זיך רעגיסטרירען פאר ארבייטסלאזען אינשורענס ביז 15טען סעפט.

וויכטיגע באקאנטמאכונג פון אינשורענס־פאנד צו די ארבייטער אין דער דרעס־אינדוסטריע.

די טראסטיס פון ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד האבען באשטימט צו פארלייגערען די צייט פאר רעגיסטרירען די קליימס פון די ארבייטער פון דער דרעס־טרייד, וועלכע האבען בייגעשטייערט צו דעם ארבייטסלאזען־אינשורענס פאנד. זיי קענען זיך רעגיסטרירען ביז דעם 15טען סעפטעמבער.

מיר האפען, אז דאס וועט געבען א מעגליכקייט די ארבייטער, וועלכע האבען זיך נאך נים רעגיסטרירט, צו טאן דאס. עס איז נים נויטיג פאר די וועלכע האבען זיך שוין פון פריער רעגיסטרירט צו פיילען נאך א קליים. די וועלכע האבען זיך שוין רעגיסטרירט וועלען ווערען אינפארמירט וועגען זייער רעכט צו קריגען אינשורענס.

קיין רעגיסטראציאנס קליים וועט נים אנגענומען ווערען נאך דעם 15טען סעפטעמבער. זאלען די דרעסמאכער עס נעמען אין אכט. ווער עס האט איינגעצאלט צום אינשורענס פאנד זאל זיך באלד מעלדען.

אין דער טאקערס, פליטערס און העמסטיטשערס יוניאן, לאקאל 41

צוריק מיט 8 וואכען, ווען דער סלעק־סעזאן האט זיך אנגעפאנגען, האבען מאנכע פון די באלעבאטים פון אונזער טרייד געדענקט, אז איצט איז פאר זיי א געלעגענהייט זיך אפצורעכענען מיט זייערע ארבייטער. אבער די יוניאן האט זיך באלד אריינגעמישט, און די סאני נאוועלטי קא. און אויך אנדערע פירמען פון טרייד האבען באלד איינגעזעהן, אז עס לוינט זיך נים אנצופאנגען א פייט מיט דער יוניאן, און פילע פון די טראבעלס זיינען געשליכטעט געווארען.

די הערינסאן פליטינג קא., למשל, האט געוואלט צייגען, אז זי קען געבען א פייט דער יוניאן. די יוניאן האט אויפגענומען דעם טשאלענדזש און האט ערקלערט א סטרייק, וועלכער האט אנגעהאלטען 6 וואכען און האט געצוואונגען דער פירמע צו שליסען אן אגרימענט, נים נאר מיט אונזער יוניאן, נאר אויך מיט לאקאל 66, די עמבראידערערס יוניאן.

אז מיר האלטען שוין דערביי, וועלען מיר דערמאנען, אז [illegible] איז נים דער איינציגער שאפ, וואס ארבייט עמבראידערי אין דעם זעלבען שאפ פון טאקינג און העמסטיטשינג; און עס איז ווערט אויך צו באמערקען, אז די גרעסטע שעפער פון אונזער [illegible] האבען צו צוויי דעפארטמענטס, נעמליך, טאקינג, העמסטיטשינג און עמבראידערי.

שלוא, ווי מיר זעהען, האבען די צוויי טרימינג־לאקאלס א גאנץ נאהענטע שייכות.

נים נאר אין אונזערע שעפער, נאר אויך אין די קלאוק־ און דרעס־שעפער וועלען מיר דארפען ארבייטען צוזאמען צו זעהן, אז די קלאוק־ און דרעסמאכער זאלען פארלאנגען דעם יוניאן־לייבעל אויף אלעם, וואס ווערט פראדוצירט פון די טרימינג־לאקאלס.

שוועסטער מארגענשטערן, אונזער מענעדזשער, האט, צוליב פערזענליכע אורזאכען, אריינגעגעבען איהר רעזיגנאציע. די רעזיגנאציע איז צוריקגעוויזען געווארען פון אונזער עקזעקוטיוו באארד און אויך פון לעצטען מעמבערשיפ־מיטינג.

* * *

די איצטיגע סיטואציע אין קלאוק־טרייד האט אויך אנגעריהרט אונזער לאקאל, אין מאנכע שעפער האבען מיר אפגעסטאפט פון סטרייקענדע ארבייט.

מיר פאדערען אויף די מעמבערס פון אונזער לאקאל נים צו ארבייטען אויף קלאוקס, ביז זיי געפינען אויס פון אפיס, אז עס איז ארבייט פון געסעטעלטע שעפער.

וועגען אנדערע זאכען אין נעקסטען רעפארט.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 41.

יוניטי הויז שיקט הילף צו ענגלישע מיינערס

די נעמען פון די יוניטי־געסט, וואס האבען בייגעשטייערט צום קאלעקשאן:

מיסס טיארבאום	1.00
ר. שונדאפף	1.00
מ. לואיס	1.00
דזשייק עדעלגלעס	1.00
עליאס פערסקי	1.00
מאריס מ. בוטענסקי	1.00
דניאל פערסקי	1.00
פריינד	1.00
בען ווייס	.50
סעם גרינשטיין	.50
מרס. ד. ווייידבערג	1.00
מר. קנאפף	1.00
וו. קראנבערג	1.00
ש. טשעסין	1.00
ש. בעקלער	1.00
פעני ר. שווארטץ	1.00
בליינטש בלום	1 00
א. ג. פאדערסאן	1.00
ב. כאזאנאוו	1.00
איידא ג. מייערסאן	1.00
דייוויד הייטאן	1.00
לינא מארגאווניק	1.00
מרס. אננא האבערמאן	1.00
מרס. פ. סימקין	1.00
ב. וויינער	1.00
ג. אליווער	5.00
ווס. ראזענבלום	3.00
ד. דובינסקי	5.00
איזידאר קאשער	5.00
פ. גערטען	1.00
דזש. ענגעלבורג	.50
סאניא סורדאם	1.00
יעטא ווינאגראד	1.00
איזראעל ענגעל	1.00
בען קויפמאן	.50
י. קויפמאן	.50
ראזע מילער	.50
י. שטיינבערג	.50
גאסיע סלאפאדקין	.50
פ. מילער	.50
ע. וועטער	.50
פ. דוקאפף	.50
י. שיפמאן	1.00
ג. אבערמאן	.50
ע. בארטער	.50
א. הארוועי	1.00
מר. פאליסמאן	1.00
פעני ווימקין	.50
ווערא קאיזערמאן	.50
פעני קרימסקי	.50
אסתר דובאטקין	.50
אננא וויקלער	.50
מיני פאלימאווסקי	.50
פראנציס קאהען	.50
דר. א. בויער	2.00
דזשייק קויפמאן	1.00
אסתר סאקאלאף	1.00

אסתר באקעל	.50
מרס. בערקאוויטש	.50
מרס. רעזניק	.50
מרס. א. שוואגער	.50
מר. גרייפער	1.00
מר. בראווערמאן	1.00
מר. און מרס. שטוטער	2.00
מערי גאלדבערג	1.00
ס. גערשאוויטש	1.00
ב. פערלמאן	1.00
ס. רעזניק	1.00
מר. און מרס. ברעסלער	1.00
ראזע קאלינסקי	.50
דזשען פאול	.50
פערל קובלער	.50
ראזע שלאסין	.50
אננא פישמאן	.50
מרס. מאסקאוויטש און מאכטער	2.00
אסתר ברוקמייער	2.00
אננא אבערמאן	1.00
אננא מינדלין	1.00
אסתר שטיין	1.00
סאל. האכקיש	1.00
מילטען מארמער	1 00
העלען לובעטסקי	2.00
מר. און מרס. שוגערמאן	1.00
מר. און מרס. לעווין	1.00
מר. און מרס. לעסער	1.00
מרס. רובינפעלד	1.00
מיסס קופערמאן	1.00
מר. פ. גינגאלד	1.00
מר. בראון	1.00
דזש. ראזענבלום	2.00
פ. אייזענבערג	1.00
ל. שפילפאגעל	1.00
עדנא בערקאוויטש	.50
פערל טייטעלבוים	.50
דזש. ת. ל. גאלדפינדער	1.00
ל. קליינפעלד	.50
ב. קליינפעלד	.50
קארלין	1.00
מאקס פישער	1.00
שרה קאפלאן	1.00
מיניע רובינשטיין	3.00
בעסי גארין	2.00
ווערא מאזער	.50
העלען מוריטץ	1.00
מערי קאלטעוו	.50
ב. בלעקמאן	.50
ווס. שטאלמאן	.50
מ. יאנקעלעוויטש	1.50
לידא פעלדמאן	.50
הענרי אסטראוויץ	.50
ארטור איינפוירט	2.00
מר. טוים	1.00
דזשאן גענסקי	1.00
פרידא ראזענטאל	1.00
מיניע ראזענטאל	1.00

(שלוס אויף זייט 10)

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — BAROFF, Sec'y-Treas.
L. FINKELSTEIN, Acting Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VIII. No. 37. — Friday, September 10, 1926
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

מעשה'לאך

(פון רוסיש)

פון מאקסים גארקי

אין סאמעטענע קליידער געהט די נאכט פון פעלד אין שטאדט; די שטאדט באגעגנט זי מיט גאלדענע פייערן, צוויי פרויען און א יונג בחור'ל געהען אויך אין פעלד, ווי זיי וואלטען באגעגנט די נאכט, און נאך זיי שפרייט זיך ווייך דער גערויש פון לעבען, וואס איז פארמאטערט פון טאג הארעוואניע.

שטיל שארען זיך דריי פאר פיס איבער די טונקעלע שטיינער פון דעם אלטען וועג, געברוקירט דורך די קנעכט פונ'ם אלטען רוים, וועלכע האבען גע־הערט צו פארשידענע פעלקער; אין דער ווארימער שטילקייט הילכט צערטליך און איבערצייגענדיג די שטים פון דער פרוי:

— זיי נים שטרענג מיט מענשען...

— האסטו דען דאס ביי מיר בא־מערקט, מאמע? — פרעגט פארטראכט דער בחור.

— דו שטרייטסט צו־היציג.

— כ'האב היים ליב מיין אמת.

ביי דער לינקער זייט פון בחור געהט א מיידעל, קאקעטנדיג איבער די שטיינער מיט איהרע הילצערנע שיך, פארריסען, זוי א בלינדע, דעם קאפ צום הימעל. דארטען ברענט א גרויסע אווענט־שטערען און נידעריגער דער רויטליכער פאס פון זון־אונטערגאנג, און צוויי טאפאלען האבען זיך אריינגעשניטען אין דער רויטקייט, ווי נים־אנגעצונדענע פאקלען.

— סאציאליסטען זעצט מען אפט אין טורמע — זאגט מיט א זיפץ די מוטער.

דער זון ענטפערט רואיג:

— מען וועט אויפהערען! דאס איז דאך נוצלאז...

— יע, אבער דערווייל...

— ס'זיינען ניטא און ס'וועלען נים זיין קיין כחות, וואס זאלען קאנען טויטען דאס יונגע הארץ פון דער וועלט!

— דאס זיינען ווערטער פון א ליד, זונעלע...

— מיליאנען שטימען זינגען דאס דאזיגע ליד און וואס ווייטער, אלץ מיט מעהר אויפמערקזאמקייט הערט זי דאס גאנצע לעבען! דערמאן זיך נאר: האסטו דען פריער אזוי מילד און געדולדיג אויס־געהערט מיך אדער פאאלא, ווי דו הערסט איצט?

— יע, יע, נאר אט האט דער סטרייק דיך געצוואונגען צו פארלאזען דיין גע־בורטסשטאדט...

— די שטאדט איז קליין פאר צווייען, זאל פאאלא בלייבען, אבער דעם סטרייק האבען מיר געוואונען...

— געוואונען! — האט זיך מיט א קלינגענדיגער שטים אפגערופען דאס מיידעל — דו און פאאלא...

נים געענדיגט, לאכט זי שטילער־היים, דערנאך גייען זיי אלע א מינוט שווייגענדיג. אויפהויבענדיג זיך פון דער ערד, רוקט זיך ארויס זיי אנטקעגען א טונקעל בערגעל חורבות פון עפעס א בנין. א שמעקענדיגער אייקאליפטוס האט פאר־טראכט ארופגעלאזען איבער איהם זיינע צווייגעלאך. און אז זיי זיינען אלע דריי דורכגעגאנגען פארביי דעם בוים, האבען זיינע צווייגען אזוי ווי שטיל א ציטער געטאן.

— אט איז פאאלא! — זאגט דאס מיידעל.

א שווארצע הויכע פיגור האט זיך אפ־געטיילט פון די חורבות און זי שטייט אינמיטען וועג.

— מיט'ן הארצען האסטו דערזעהן?

— האט דער בחור געפרעגט מיט א גע־לעכטער.

פאראויס קלינגט, ווי א ווידער־קול: דו געהסט?

— יע, איך גיב דיר איבער די מיינונג. באגלייט מיך נים ווייטער, מ'דארף נים. כ'האב אינגאנצען פינף שעה ביז רוים, און כ'בין דאך בכיון געגאנגען צופוס, כדי כ'זאל אין וועג צונויפנעמען די גע־דאנקען...

מ'האט זיך אפגעשטעלט. דער הויכער האט ארויפגענומען דעם הוט און גע־זאגט מיט אן אנגעריסענער שטים:

— דו קאנסט זיין רוהיג פאר דער מוטער און שוועסטער, אלץ וועט זיין גוט.

— איך ווייס. אויף ווידערזעהן, מאמע!

זי כליפעט, קרעכצט שטילערהיים, דערנאך קלינגען דריי שטארקע קושען און א מוטיגער קול:

— געה אהיים און רוה זיך אוים, האסט זיך גענוג אויסגעריענט פאר די דאזיגע שטורמדיגע טעג! אלץ וועט זיין גוט! פאאלא איז דיר אזא זון, ווי איך! נו, שוועסטערקע...

ווידעראמאל קושען און א טרוקענער שארך פון פיס איבער די שטיינער — די וואכזאמע נאכט־שטילקייט רעפלעקטירט אלע קלאנגען, ווי א שפיגעל.

פיר פיגורען, פארוואקעלטע אין פינסטערניש, האבען זיך ענג צונויפגעגא־סען אין איין גרויסען קערפער און לאנג נים געקאנט זיך פאנאנדערשיידען. דער־נאך האבען זיי זיך שווייגענדיג צעריסען: דריי זיינען שטיל אוועקגעשוואומען צו די פייערען פון שטאדט, איינער איז האס־טיג אוועק פאראויס צו מערב, וואו די אווענט־רויטקייט איז שוין פארלאשען גע־ווארען און אין בלויען הימעל האבען זיך פאנאנדערגעברענט א סך ליכטיגע שטע־רען.

— זיי געזונט! — הערט זיך שטיל און טרויעריג אין דער נאכט.

פון ווייטען רופט זיך אפ א מונטערע שטים:

— זיי געזונט, זיי נים פאראומערט, מיר וועלען זיך אינגיכען זעהן...

טרוקען קלאפען דער מיידעל'ס הילצערנע שיך, א הייזעריקליכע שטים רעדט טרייסט־ווערטער:

— ער וועט נים פארפאלען ווערען, דאנא פילאמענא, איהר קענט אין דעם גלויבען, ווי אין דער גנאד פון אייער מאדאנע! ער פארמאגט א גוטען שכל און א שטארק הארץ, ער קען אליין ליבען און צווינגט ליכט אנדערע איהם ליב צו האבען, און ליבע צו מענשען — דאס זיינען דאך יענע פליגעל, אויף וועלכע דער מענש הויבט זיך אויף העכער פון אלץ...

די שטאדט צעוויט אלץ רייכער אין דער פינסטערניש איהרע באשיידענע, בלייכע פייערען; די ווערטער פון דעם הויכען מענשען בליצען אויך ווי פונקען.

— ווען א מענש טראגט ביי זיך אין הארצען א ווארט, וואס פאראייניגט די וועלט, וועט ער אומעטום געפינען מענ־שען, וואס קענען איהם אפשאצען, אומע־טום!

הארט ביי דער שטאדט, צוגעטוליעט צו איהר וואנט, האט זיך צוגעזעצט אויף דער ערד א נידעריגער ווייסער שיינקעל און מיט'ן פיר־קאנטיגען פענסטער פון זיין באלויכטענער טיר קוקט ער אויף די מענ־שען און רופט זיי מיט זיין בליק. נעבען טיר ביי דריי טישלאך רוישען שווארצע פיגורען, קרעכצען די סטרונעס פון א גי־טארע, און עס ציטערט נערוועז דער מע־טאלענער קול פון א מאנדאלינע.

בעת די דריי האבען זיך אויסגעגלייכט מיט'ן טיר, איז די מוזיק אנטשוויגען גע־ווארען, די קולות זיינען שטיל געווארען, עטלאכע פיגורען האבען זיך אויפגעהויבען.

— א גוטען אווענט, חברים! — האט געזאגט דער הויכער און א צעהנדליג שטי־מען האבען געענטפערט מיט פרייד, פריינדליך:

— א גוטען אווענט, פאאלא! חבר, צו אונז? א גלאז וויין?

— ניין — איך דאנק.

די מוטער האט מיט א זיפץ געזאגט:

— דיך האבען אויך אלע אונזעריגע ליב...

— אונזעריגע, דאנא פילאמענא?

— יע, לאך נים, די וואס רעדט מיט דיר, איז נים פרעמדע צו איר פאלק. אלע האבען אייך ליב! דיך און איהם... דער הויכער האט גענומען דאס מיידעל אונטער'ן האנט און געזאגט:

— אלע און — נאך איינע! אזוי?

— יע, האט שטיל געזאגט דאס מיידעל, אודאי...

האט זיך די מוטער נים הויך צו־לאכט.

— אך, קינדער! ווען מ'הערט אייך, קוקט מען און מ'גלויבט, יע, איהר וועט לעבען בעסער, ווי מיר האבען געלעבט...

און אלע דריי האבען זיך ווי איין שורה באהאלטען אין דער שמאלער גאס, וואס איז געווען צעפאטעלט ווי אן אַ־בעל פון א אלט אפגעטראגען קלייד...

אין שווערע מינוטען

פון דוד פישמאן.

ווען מינוטען שווערע קומען,
און א וועהטאג נאגט און דריקט;
ווען געפיהלען ברויזען, שטורמען,
און ווערען אין פיין דערשטיקט,
אך, ווי איינזאם דאן עס שמאכט
מיין זעעל און וואונדען טיפע שניידען!
פון גאט פארלאזט, פון מענש געלאכט,
נים קיין טרייסט, און נים קיין טרעהרה,
מיין בלוטיג הארץ ס'ברענגט נים ווער
אין דער שעה פון מיינע ליידען,
בלויז מיין הארץ געטריי מיר בלייבט.
איהרע סטרונעס נאך מיינע פינגער לעכצען.
כאטש פאר'יתום'ט דאן, טיף זי שוויגט,
דאך, איך הער איהר קרעכצען
אין דער שטיל, מיט שמערצען פיל,
אויף איהר האר, דעם שיקזאל'ס נאר.

די לעבענס־געשיכטע פון בארטעלעמא וואנזעטי

(פארזעצונג פון לעצטער וואך)

(געשריבען אין פריזאן פון. איהם אליין, זי־צענדיג שוין באלד 5 יאהר מיט א טויט־אורטייל איבער'ן קאפ).

פון הארטפארד האבען מיר אוועק־געוואנדערט אין א קליין שטעטעל, וואס איך געדענק שוין נישט איהר נאמען. מיין קאלעגע איז שוין אין דעם שטעטעל געווען אמאל. מיר האבען זיך אביסעל אדומגעדרעהט אין גאס, לסוף זיך אנ־גענומען מיט מוט און אנגעקלאפט אין א טיר. אן אמעריקאנישער פארמער האט אונז געעפענט. מיר האבען איהם גע־בעטען וועגען ארבייט. ער האט אבער קיין ארבייט נים געהאט פאר אונז, אבער אונזער ארימקייט און קענטיגער הונגער האבען איהם גערירט. ער האט אונז געגעבען אפצועסען און איז אליין דערנאך מיט אונז אויסגעגאנגען די גאנ־צע שטאדט, כדי צו געפינען פאר אונז ארבעט. מען האט אבער קיין שום אר־בעט נים געקענט געפינען. פון גרוים מיטלייד האט ער אונז גענומען צו זיך אין הויף, כאטש ער האט אונז נים בא־דארפט. צוויי וואכען זיינען מיר אפגע־ווען ביי אט דעם פארמער. איך וועל תמיד טייער האלטען דעם אנדענק וועגען אט דער פאמיליע, — דאס זיינען דאך געווען די ערשטע אמעריקאנער, וועלכע האבען אונז באהאנדעלט ווי מענשען, כאטש מיר קומען ארוים פון דאנטע'ס און גאריבאלדי'ס לאנד.

מיר האבען אנגעהויבען ארומצוואנ־דערען פון שטאדט צו שטאדט, פון דארף צו דארף, פון פארם צו פארם. מיר האבען געקלאפט אין פאבריק טירען, און באקומען אן אפזאג. נאר גיך זיינען מיר געבליבען בוכשטעבליך אהן איין פעני, און דער הונגער האט גענאגט אהן רחמנות. מיר זיינען געווען [illegible].

אז מיר האבען נאר געפונען עפעס א פארלאזענע שטאל, וואו מיר האבען גע־קענט אומגעשטערט איבערנעכטיגען און זיך איבערשלאפען אביסעל. ביז איינמאל האט אונז אפגעגליקט. אין גלאסטאנבורי האט אונז א לאנדסמאן פון פיעמאנט פארבעטען אויף א פרישטיק. איך פאר־שפאר צו זאגען, ווי מיר זיינען איהם געווען דאנקבאר. אבער באלד האבען מיר זיך ווייטער געלאזט וואנדערען. ארום דריי בייטאג זיינען מיר אנגעקומען קיין מידלטאן, אין קאנעקטיקוט, מידע, צו־בראכענע, הונגעריגע און דורכגעווייקטע פון א גאס רעגען, וואס האט אונז גע־וואשען דריי שעה כסדר.

ביים ערשטען בעסטען, וואס מיר האבען אנגעטראפען, האבען מיר זיך גע־פרעגט אויף עפעס איינעם פון צפון־איטאליע (מיין קאלעגע האט געהאט א באזונדערע שוואכקייט צו זיין טייל אי־טאליע), און ער האט אונז אנגעוויזען אין דער נאהענט אויף א פויערשע הויז־זעל. מיר האבען אנגעקלאפט, און אונז האבען געעפענט צוויי סיציליער־פרויען, א מוטער מיט א טאכטער. מיר האבען געבעטען מען זאל אונז ערלויבען אויס־טריקענען אונזערע מלבושים ביים אויווען, און די פרויען האבען עס גערן ער־לויבט, הגם זיי זיינען געווען דרום־אי־טאליענערינס. וויל מיר זיינען געזעסען און זיך געטריקענט, האבען מיר דער־וויל זיי געפרעגט מכח אויסזיכטען אויף ארבייט אין דעם געגענד. די פרויען האבען אונז געזאגט, אז ארבעט איז אומ־מעגליך צו קריגען, אלענפאלס, זאלן מיר זיך פרואווען אין ספרינגפילד, וואו עס זיינען פאראן דריי גרויסע ציגל־פאב־ריקען.

ווען די גוטע פרויען האבען באמערקט, ווי בלאס מיר זעהען אוים, האבען זיי אונז געפרעגט, צו זיינען מיר נישט הונ־געריג. מיר האבען מודה געווען, אז פון זעקס אין דער פריה האבען מיר אין מויל נישט געהאט. האט אונז די איינגערע דערלאנגט א לאבן ברויט און א לאנגען מעסער.

— איך קאן אייך מעהר גארנישט געבען, האט זי געזאגט, און אין איהרע אויגען האבען זיך טרערען באוויזען, איך מוז אויסהאלטען פינף קליינע קינדער און מיין אלטע מאמע. מיין מאן ארבייט ביי דער באן און פארדינט קוים א דאלאר מיט 35 סענט א טאג — און איך בין ערשט געלעגען קראנק א לענגערע צייט.

איך האב געשניטען דאס ברויט — און זי האט דערוויל ארומגענישטערט איבער'ן הויז און האט ענדליך געפונען עטליכע עפעל. זי איז באשטאנען דארויף מיר זאלען זיי אויפעסען — און אפגע־פרישטיקט זיינען מיר אוועק צו די ציגל־פאבריקען.

ארבייט! ארבייט! ארבייט!

כמעט מיט געוואלד האב איך מיט־געשלעפט מיין קאלעגע אין שטאט אריין, וואו מיר האבען טאקע ביידע באקומען ארבייט אויף די ציגל־פאבריקען. ער האט נישט אויסגעהאלטען די פראבע — אין צוויי וואכען ארום איז ער אוועק. איך אבער בין דארט פארבליבען גאנצע צעהן חדשים. די ארבייט איז טאקע גע־ווען כמעט איבער מיינע כחות, אבער דערפאר איז נאך דער ארבייט געווען זעהר פרעהליך. מיר האבען דארטען גע־האט א גאנצע קאלאניע לאנדסלייט, פון פיעמאנט, פון טאסקאנא, פון ווענעציע, און די דאזיגע קאלאניע איז געווארען כמעט ווי איין משפחה. אין די אווענטען פלעגט מען פארגעסען די דאגות פונ'ם טאג. עמיצער האט געשפילט עפעס א מעלאדיע אויף א פידל אדער אויף אן אנדער אינסטרומענט, אייניגע פון אונז האבען געטאנצט.

איך דערמאן מיר, אז אין אט דער קליינער קאלאניע האבען געבושעוועט פיל קראנקהייטען. פיבער איז באפאלען איינעם נאכ'ן אנדערען. קיין טאג איז כמעט נישט אריבער, אז ביי עמיצען זא־לען נישט אנהויבען קלאפען די ציין.

פון דעמאלט אן איז מיר געגאנגען אביסעל בעסער. איך בין אוועק קיין מע־רידען און דארט געארבייט אין די שטיין ברעכערייען. צוויי יאהר האב איך געטאן דארטען די שווערסטע ארבייט — אבער איך האב דעמאלט געלעבט ביי אן על־טערער פאר־פאלק פון טאסקאנא, און האב געהאט א סך פארגעניגען דערפון, וואס איך האב זיך אויסגעלערענט רעדען דאס שעהנע טאסקאניש.

אחוץ דעם טאסקאנישען דיאלעקט, האב איך פאר די יאהרען זעהר פיל גע־לערענט. איך האב זיך אויסגעלערענט ליב צו האבען און מיטצולײַדען מיט אט די מענשען, וואס זיינען גרייט געווען, אזוי ווי איך, צו ארבייטען פאר א נישטיגען לוין, אבי צו דערהאלטען די נשמה און דעם גוף. איך האב זיך דערוואוסט, אז קלאסען באוואוסטזיין איז נישט קיין פראזע, וואס פראפאגאנדיסטען האבען אויסגעטראכט נאר א' לעבעדיגע ממשות־דיגע קראפט, און אז די וואס האבען דערקענט די דאזיגע קראפט זיינען נים מעהר קיין לאסט־בהמות, נאר מענשען.

(שלוס קומט).

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

א פארשלאג פאר די מיטגלידער פון לאקאל 22

ווערטער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט".

אלס א מעמבער פון לאקאל 22 בעט איך אייך, איהר זאלט מיר ערלויבען דורך די שפאלטען פון אונזער צייטונג צו זאגען א פאר ווערטער צו אונזער ארגאניזיישאן קאמיטע און אויך צו די מיטגלידער. אייגענטליך האב איך עס געדארפט זאגען ביי א מיטינג, אבער ביים לעצטען טשערמאן מיטינג האב איך ניט גוט געפיהלט און דערפאר בעט איך, איהר זאלט מיר דורך דער צייטונג ערלויבען.

שוין עטליכע מאל ווען עס ווערט א ביסעל „ביזי", ווערט אנגעפאנגען א קאמפיין, מיט דער האפנונג צו ארגאניזירען א בעדייטענדע צאהל שעפער, אזוי ארום ארייצוקריגען דעם טרייד אונטער א בעסערען יוניאן קאנטראל. מען פרואווט אומאויפהערליך צו אפעלירען צו דער קלאסען באוואוסטער ארבייטער מאסע צו קומען און טאן ארגאניזאציאנס ארבייט. און ווער קומט ? און וויפיל קומען ? — אלע מאל דאס קליינע הייפעלע. זיי קומען צו די מיטינגען, צו זיי אפעלירט מען, און נאך אמאל זיי לאזען איבער דאס פארדינסט אין שאפ און געהען איינשטעלען זייערע קעפ צו ארגאניזירען דעם טרייד.

ווען איך האב געהערט, אז עס איז גערופען געווארען א טשערמאן מיטינג פאר דעם צוועק, בין איך געווען זיכער, אז אונזערע שאפ פארטרעטער וועלען געהעריג באטראכטען אט די לאגע. אבער אנשטאט קאנסטרוקטיוועס, האט מען גערעדט אין דער לופטען. זיי האבען גערעדט, אז יעדער זאל וואלונטירען א טאג אין קאמפיין. און דעם רעזולטאט זעהט איהר דאך. זיי קומען ניט. און אפילו ווען עמיצער זאל קומען אויף א טאג, האט עס ניט קיין ווערט, ווייל מען בעדארף געהן עטליכע טעג צו קריגען א ביסעל „עקספיריענס".

און די גרויסע מעמבערשיפ וועט ווייטער זיצען אין די שעפער און זיך רייסען איבער א באנדעל און קריטיקירען, אז מען „טוט פאר זיי ווייניג".

אבער אנשטאט מוסר זאגען, וואלט איך פארגעשלאגען פאלגענדעס:

אזוי ווי אונזער טרייד איז א סיזאן טרייד, און ווען דער סיזאן גיט א ברען, וויל קיינער ניט (מיט זעהר א קליינער אויסנאהמע) איבערלאזען דעם שאפ און געהן טאן ארגאניזיישאן ארבייט (א גרויסע צאהל ווילען, אבער זיי קענען ניט אפפארדען אפילו ווען מען זאל זיי צאהלען 30—40 דאלאר א וואך אין דער צייט וואס זיי קענען מאכען אין שאפ 50—60 דאלאר), זאל יעדער שאפ זיין געצוואונגען צו שיקען א מאן אויף א וואך אדער מעהר און די איבעריגע ארבייטער אין שאפ זאלען אפארבייטען פאר איהם אין די 4 שטונדען אווערטיים. אונזער ארבייטס־וואך באשטעהט פון 40 שטונדען און דאס, וואס ער פארדינט אין 40 שטונדען, איז זיינס. די ארבייטער, וואס געהען ניט פייערען, דארפען אויפמאכען יענעמס ארבייט. עס איז זעהר א מילדער אויסבייט. אייניגע שעפער האבען עס שוין אליין באשלאסען, אנדערע דארף מען מאכען צו געבען. ארבייטען א פאר שטונדען אווערטיים פאר די פאריערם מעג מען און פאר אונזער איינענעם קאמף טאר מען ניט ?

אין די שעפער, וועלכע זיינען ניט „ביזי" און מען טיילט ארבייט, זאלען די ארבייטער זיין געצוואונגען אויפצומאכען דעם טייל ארבייט פאר דעם, וואס איז געגאנגען צו טאן די ארגאניזיישאן ארבייט. מיר האבען ארום 800 אדער 1000 שעפער און עס איז ניט אזוי שווער דאס צו קאנטראלירען.

דער רעזולטאט דערפון וואלט געווען:

1) דער ארגאניזיישאן דעפארטמענט וועט האבען גענוג מענשען ארויסצושיקען.

2) עס וועט פארקלענערען די אויסגאבען וואס זיינען יעצט אזוי נויטיג פאר אן אנדער צוועק.

3) און אז מען וועט רופען, וועט מען זיך ניט קענען ארויסדרעהען מיט אן עקסקיוז: איך דארף סופארטען א פאמיליע.

4) דער ארגאניזיישאן דעפארטמענט וועט קענען קלייבען וועמען און וואוהין צו שיקען.

איך האף, אז יעדער פון אונזערע מעמבערס, ווער עס וויל מיר זאלען האבען א יוניאן וואס זאל זיין בעסער ארגאניזירט, וועט ערנסט באטראכטען מיין פארשלאג: און וועט קומען צום שלוס, אז דאס איז דער איינציגער מיטעל, ווי אזוי צו מאכען די גרויסע מעמבערשיפ אן אקטיווען אנטייל צו נעהמען אין דער אונטערנעהמונג.

מיט יוניאניסטישען גרוס,
אב. קרייטער.
מעמבער לאק. 22, לעדזשער נומ. 925.

הייסען גוט די שטעלונג פון די סטרייק־פיהרער

ווערטער רעדאקטאר :—

מיר, די סטרייקערס פון לאפאיעט קאסינא, פארזאמעלט ביי אונזער רעגולערען מיטינג דינסטאג, דעם 31טען אויגוסט, נעמען אן די פאלגענדע רעזאלוציע :

נעמענדיג אין אנבאטראכט, די 9 וואכען פון סטרייק פאר אונזערע גערעכטע פאדערונגען, פאר וועלכע מיר האבען נאך געדארפט סטרייקען לאנג צוריק.

און נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאס די גאווערנאר'ס קאמישאן האט געמוזט צוגעבען די שלעכטע באדינגונגען, אין וועלכע די קלאוקמאכער לעבען,

גלויבען מיר ניט, דאס מיר וועלען אונזערע גערעכטע פאדערונגען קענען געווינען דורך ארביטריישאן אדער סיי וועלכע זייטיגע מענשען.

דערפאר הייסען מיר גוט די שטעלונג פון אונזערע פיהרער און גיבען זיי דאס רעכט דורך דירעקטע פארהאנדלונגען מיט אונזערע באלעבאטים צו שליסען א שלום, וואס זאל פארזיכערען א בעסערען לעבען פאר די קלאוקמאכער.

אויך זיינען מיר גרייט צו שטעהן אין קאמף אזוי לאנג ביז וואנען אונזערע גערעכטע פאדערונגען וועלען געוואונען ווערען.

לאנג לעבען זאל די קלאוקמאכער יוניאן !

רעזאלוציאנס קאמיטע :
ד. ליובינסאן,
א. לעווין,
דזש. ליבערמאן,
א. ה. לעווינסאן, האל טשערמאן,
א. סיידענבערג, ווייס־טשערמאן,
מ. דיימאנד, סעקרעטאר.

א פאר כאראקטעריסטישע ווערטער פון א סטרייקער

פון א בריף, וואס מיר האבען באקומען פון א קלאוקמאכער, א סטרייקער, וואס האט באקומען 5 דאלאר סטרייק רעליף, נעמען מיר ארויס די פאלגענדע פאר כאראקטעריסטישע ווערטער :

ווערטער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט".

ווען איך האב באקומען דעם 5 דאלאר טשעק, איז ביי מיר געווען א גרויסער יום־טוב. 5 דאלאר איז ביי מיר איצט 5 מיליאן. איך האב זיך דערפיהלט רייכער פון ראקפעלער !

וואס ווייס ראקפעלער פון אזא פרייד? ניט ער קען אזעלכעס פיהלען און ניט ער קען עסען אזוי ווי איך... איך קען מאכען א „דינער" פון צוויי געזאלצענע בייגעל און א „קאליפארניא פעיר". קען ער אזעלכעס דערווייזען ?...

א. ס., מעמבער לאק. 2.

א פראטעסט פון א מעמבער פון לאקאל 22

ווערטער רעדאקטאר.

פרייטאג, דעם 20טען אויגוסט, האב איך דורכגעלעזען אין אונזער „גערעכטיגקייט" די אלע סומען געלט, וועלכע אונזער אינטערנעשאנאל און דער דזשאינט באארד און אויך כמעט אלע לאקאלען פון אונזער דזשאינט באארד האבען בייגעשטייערט צו דער ווארשעווער נידעל טרייד יוניאן, און איך האב געזוכט מיין לאקאל צווישען די ביישטייערנדע לאקאלען. האב אנגעטאן די שפאקולען, פיליכט אויף דער עלטער זעה איך ניט... אבער, ליידער, אהן ערפאלג.

וויל איך דא פרעגען ביי אונזערע פארוואלטער, צי איז אונזער לאקאל געבאך אזוי פארארימט, אז ער איז שוין ניט אים־שטאנד ארויסצוהעלפען א צווייטער יוניאן אין א נויט ?

אבער א שפאס אן א זייט. איך ווייס, אז דא איז געווען א פראגע פון פארטייליכקייט. און אט טאקע דא האט די פארוואלטונג פון אונזער לאקאל געצייגט דעם ריכטיגען קאליר.

אלס אן אלטער יוניאן־מאן, דריק איך אויס מיין שטארקסטען פראטעסט צו אזא האנדלונג. איך טשעלענדזש אויך די פארוואלטונג די פראגע איבערצוגעבען צו אונזערע מעמבער מיטינגען. איך בין זיכער, אז אונזערע יוניאן מעמבערס וועלען געווים שטימען, אז מען האט די נידעל טרייד יוניאנס אין פוילען געדארפט שטיצען.

מיט יוניאן גרוס,
דזשוליוס לייבאוויטץ,
מעמבער ל. 22 א. ל. ג. ה. י.
לעדזשער נומער 5.

א פראגע צו די פארוואלטער פון אינשורענס פאנד

ווערטער רעדאקטאר.

אלס ארבייטער ביי קלאוקס פאר די לעצטע 22 יאהר און אלס מעמבער פון דער יוניאן פון 1908, וועט איהר מיר ערלויבען פרעגען דורך דער „גערעכטיגקייט" די פארוואלטער פון אינשורענס פאנד פאלגענדעס : דערפאר וואס איך האב ניט געהאט קיין מזל צו ארבייטען אין א גרעטען שאפ, דארף איך ניט קריגען קיין אינשורענס ?

4 וואכען האב איך געארבייט ביי גרינבאום, 142 וועסט 36טע סטריט. ווען איך בין ארונטער פון יענעם שאפ האב איך געלאזט וויסען דעם ביזנעס אגענט בר. זעלעזניס, ער זאל זעהן, אז עס זאל זיין מיין נאמען דארט אויפ'ן ליסט, ווייל מען האט ביי מיר ארונטערגענומען פון די וויידזשעס פאר'ן פאנד. עס איז געווען א יוניאן שאפ. 3 וואכען האב איך געארבייט ביי גארדין־רובין, 47 וו. 28טע סטריט. דער לעצטער שאפ איז אויפגעגעבען געווארען. דערפאר דארף איך ניט קריגען מיינע אינשורענס ? איך ווייס, אז געוויסע פערזאנען וואס האבען ניט געדארפט קריגען — האבען יע געקראגען.

פרעג איך אייך, ווערטער רעדאקטאר, פארוואס קומט מיר ניט קיין אינשורענס ? איך האב פאר די לעצטע 5 יאהר מעהר ווי 20 וואכען א יאהר ניט געארבייט, און קיין אינשורענס גיט מען מיר ניט.

מיט ברודערליכען גרוס,
ה. לעווין, מעמבער לאקאל 2,
לעדזשער נומער 10982.

ברענטש 261 ארבייטער רינג שטיצט זיינע קלאוקמאכער מעמבערס

ווערטער רעדאקטאר :—

פרייטאג, דעם 27טען אויגוסט, האט דער טשענסטאכאווער ברענטש 261 ארבייטער רינג פאררופען א ספעשעל מיטינג וועגען שטיצען זיינע מעמבערס, וועלכע סטרייקען ביי קלאוקס און נויטיגען זיך אין שטיצע. עס איז ערוועהלט געווארען א קאמיטע פון 5 מיט פול פאוער צו באשטימען א סומע, וועלכע זי וועט געפינען פאר נויטיג. די קאמיטע האט באשטימט צו שטיצען יעדען סטרייקער וואס נויטיגט זיך אין שטיצע מיט 20 דאלאר און גוט צו מאכען דעם ביל.

עס האבען זיך גלייך ביים מיטינג געווענדעט נאך שטיצע 5 מעמבערס, וועלכע זיינען געשטיצט געווארען יעדער מיט 20 דאלאר און מען האט זיי אויך גוט געמאכט דעם ביל. אויב עס זיינען דא נאך מעמבערס פון אונזער ברענטש, וועלכע נויטיגען זיך אין שטיצע, זאלען זיי זיך מעלדען צו אונזער קאמיטע.

פאלגענדע מעמבערס זיינען אין דער קאמיטע : טרענער, טארשיש, לעפקאוויטץ, פייערשטיין און וועננער.
פ. גאטליב, סעקרעטאר.

מיר פארגעסען נישט די וואס דינען געטריי אונזער יוניאן

ווערטער רעדאקטאר :—

מיר, די ארבייטער פון ה. דייוויס און סאן, 240 וועסט 35טע סטריט, צוריקגעהענדיג זיגרייך צו דער ארבייט, נעמען אן איינשטימיג פאלגענדע רעזאלוציע :

אזוי ווי בר. ל. קליינמאן, זייענדיג אונזער שאפ טשערמאן האט ניט געשפארט קיין צייט און מיה. טראץ דעם פאקט וואס ער איז אויך געווען געהילפס האל טשערמאן, האט ער אבער ניט פארנאכלעסיגט זיינע פליכטען אלס שאפ טשערמאן און איז פון גאנץ פריה שוין געווען אויף זיין פאסטען און ביז שפעט ביינאכט האט מען איהם געטראפען אויף דער פיקעט ליין און האט אונז געצייגט א מוסטער פון א געטריי און דיסציפלינירטען סטרייקער מיט זיין ענטוזיאזם און איבערגעבענהייט. און דער פאקט איז, אז מיר זיינען געווען פון די ערשטע צו פיקעטען זונטאג אויך, אבוואהל אונזער שאפ איז ניט נויטיג געווען צו פיקעטען, האבען מיר געפיקעט אנדערע שעפער.

עס איז אויך ווערט צו באמערקען, אז א דאנק די איניציאטיווע ארבייט פון בר. קליינמאן איז געשאפען געווארען די 25־גער בלאק קאנטראל קאמיטע, פון וועלכער ער איז געווען דער טשערמאן. א חוץ דעם אלעם האט ער נאך ארויסגעהאלפען דער דזשענעראל פיקעט קאמיטע מיט אינפארמאציעס, ווי אויך אלגעמיינע ארבייט, וואס האט געבראכט דערצו, ער זאל זיין איינינע מאל ארעסטירט, און ביז היינטיגען טאג, שוין ארבייטענדיג אין שאפ, געפינט ער זיך יעדע נאכט אויף דער פיקעט ליין.

נעמענדיג דאס אלץ אין אנבאטראכט, זיינען מיר שטאלץ דערמיט. עס איז אונזער עהרע צו האבען איהם פאר א שאפ טשערמאן.

די קאמיטע :
א. הארטמאן,
מ. דאבקין,
ב. ראזענבערג,
ה. מילער,
ס. אפעלבאום.

רעזאלוציע פון ארבייטער פון א געסעטעלטען שאפ

געעהרטער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט".

מיר בעטען אייך זעהר צו פארעפענטליכען די פאלגענדע רעזאלוציע :

מיר, די ארבייטער פון יודערוויץ און שווארץ, 270 וועסט 39טע סטריט, זיך אומקערענדיג צו דער ארבייט דעם 2טען סעפטעמבער אונטער די נייע געוואונענע באדינגונגען, ווינשען אויסצודריקען אונזער אנערקענונג און טריישאפט צו אונזערע פיהרער. מיר זיינען זיכער אין דער האפנונג, אז מיט זייער מוט און עהרליכקייט וועלען זיי דערפיהרען דעם גערעכטען קאמף צו אן ערפאלגרייכען סוף.

ביי דיזער געלעגענהייט קענען מיר זיך ניט צוריקהאלטען צו דאנקען הערצליך און פארזיכערען אונזער הויכשעצונג צו אונזער ביז יעצטיגען ביזנעס אגענט, בר. ס. ווילענסקי, פאר זיין איבערגעבענהייט און גוטע ארבייט וואס ער האט געטאן פאר אונז ביז'ן סטרייק, און אויך יעצט אלס דער הויפט פון דעם „אינוועסטיגיישאן דעפארטמענט".

מיר האבען אין איהם געפונען ניט נאר א העכסט אינטעליגענטען און פעהיגען יוניאן טוער, נאר אויך א געטרייען און ליבעסווירדיגען חבר.

ס. גאלדמאן, שאפ טשערמאן
פאולין דיער, לאקאל 9
משה פריימאן, לאקאל 2
דוד פישמאן, לאקאל 2
רעזאלוציאנס קאמיטע.

סאן קארלא גראנד אפערא קא. הויבט אן דעם 13טען סעפט.

מאנטאג אווענט, דעם 13טען סעפטעמבער, וועט די סאן קארלא גראנד אפערא קאמפאני אנהויבען איהר סעזאן אין סענטשורי טעאטער.

די סאן קארלא האט זיך ערווארבען א גוטען נאמען אין דער מוזיקאלישער וועלט און ווערט פאררעכענט פאר אן ערשטקלאסיגער קאמפאני. זי פארמאגט א גוטען כאר און ארקעסטער.

היינטיגען יאהר איז די סאן קארלא גראנד אפערא קאמפאני נאך רייכער ווי אין די פריהערדיגע יאהרען.

שוואכע מענשען
וועלכע שרעקען זיך אפ פון שטארקע אבפיהר־מיטלען זאלען נעהמען
עקס־לאקס
געשמאק אין טעם ווי א טהייערער קאנפעקט
עקס־לאקס ווירקט געלאסען און נאטירליך אהן קרעמפען און שמערצען. דערפאר איז עס אזוי באליבט ביי אלטע, קליין און גרויס.
10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

קאאפעראציע צווישען ארבייטער און פארברויכער

פון דר. הערמאן פראנק

יעדע פראדוקציע האט דעם ציל צו דינען די אינטערעסען פון דעם פארברויכער. ליידער איז אבער אין דער איצטיגער ווירטשאפט סיסטעם די פראדוקציע געווארען א זעלבסט צוועק אדער, ריכטיגער, א מיטעל צו פראפיטירען דורך אן אינדוסטריעלער און קאמערציעלער עקספלואטאציע. די פארברויכער באצאלען פון זייער קעשענע די עקסטרא פראפיטען פון די פארמיטלער און אויפקויפער, וועלכע פילען מיט זיך אן דעם לאנגען וועג פון פראדוצענט צום קאנסומענט (פארברויכער). אפט ווערט נאך דערצו דער עולם אפגענארט און באשווינדעלט דורך שלעכטע אדער געפעלשטע סחורות. שליסליך איז די עקספלואטאציע פון די שלעכט באצאלטע ארבייטער, וועלכע ארבייטען אין די סוועטשעפער, א מיטעל צו פארשפרייטען דורך די פראדוקטען אנשטעקענדע קראנקהייטען צווישען דעם ברייטען עולם.

פון דער אנדער זייט איז אבער די גלייכגילטיגקייט פון דעם עולם צו דעם גורל פון די עקספלואטירטע ארבייטער א וויכטיגער אומשטאנד וואס ווירקט כסדר געגען די אינטערעסען פון די חארעפאשנע מאסען. אהן דער באוואוסטזיניגער און סיסטעמאטישער באטייליגונג פון די פארברויכער, קען אלזא ניט געמאלט זיין קיין גרינדליכע און דויערענדע רעארגאניזירונג פון דער היינטיגער עקאנאמישער סיסטעם. נאטירליך דארף די קאאפעראציע צווישען דיזע צוויי עלעמענטען, די ארבייטער און קאנסומענטען, זיך אנהויבען קודם כל פון אזעלכע טריידס, וואס ארבייטען אויס געברויכס־ארטיקלען און שטעהן אם נאהענטסטען צום פארברויכער, ווי צום ביישפיל, שניידעריי, בעקעריי און אנדערע.

אין דער צייט, ווען די קאנסום־קאאפעראציע, וועלכע האט געמאכט אין די לעצטע 50 יאהר אזעלכע גרויסע ערפאלגען אין איירָאפא, איז נאך אין אמעריקא ווייניג פארשפרייט, האט זיך דא אין לאנד באשאפען אן אנדער פארם פון א שטארקער קאנסומענטען ארגאניזאציע. דאס איז די אזוי גערופענע קאנסומענטען פארבאנדען (קאנסיומערס ליג) וועלכע זיינען צוערשט געגרינדעט געווארען מיט א יאהר 35 צוריק אין אמעריקא און זיינען שפעטער איבערגענומען געווארען דורך א סך לענדער. באזונדערס אינטערעסאנט איז דאס שוין דורך דעם, וואס אלע סאציאלע באוועגונגען אין דעם אינדוסטריעלען לעבען פון אמעריקא, ווי אויך די פרויען באוועגונג, האבען זייערע ווארצלען אין דער אלטער וועלט, בעת די „קאנסיומערס ליג" זיינען דערווייל די איינציגע ארגאניזאציעס פון סאציאלען קאנטראל, וועלכע איירָאפא האט איבערגענומען פון אמעריקא.

א בוך פון מרס. מ. נייטהאן, אן אקטיווע טוערין אין דער באוועגונג במשך פון די לעצטע 35 יאהר, וואס איז אנומאלט פארעפענטליכט געווארען ("די סטארי אוו ען עפּאָק־מעיקינג מואוומענט", דאבלדעי פיידזש פאבל. קא.) ברענגט איצט ארויס פאר דער עפענטליכקייט דעם שיינעם רעקארד פון דער דאזיגער באוועגונג. דעם ערשטען אנשטויס האט די באוועגונג באקומען פון אן ארבייטער ארגאניזאציע „ווארקינג וומענס סאסייעטי", א פארגענגערין פון דער איצטיגער „וומענס טרייד יוניאן ליג", אבער אלס די גרינדערין פון דער ערשטער קאנסיומערס ליג דארף באטראכט ווערען א נאבעלע פרוי פון דעם בורזשואזען קלאס, מרס. דזשאזעפין לאועל. דיזע פרוי איז באקאנט געווען צווישען די ארימע שיכטען פון דער ניו יארקער באפעלקערונג אונטער דעם רירענדען צונאמען „די הייליגע". זי פלעגט פון אנהויב אליין העלפען די פאמיליעס פון די ארימע ארבייטער, באזונדערס אין א צייט פון סטרייק, מיט געלט און פארמיטלענדיג צווישען זיי און די באסעס. אין איהר האלטונג איז קיינמאל ניט געווען די גאווה און פארריסענקייט ביי זיך וואס צייכענען אויס דעם באקאנטען טיפ פון די „דאמען פאטראנעסען". נאך אין יאהר 1876 איז זי דורך דעם גאווערנאר טילדען באשטימט געווארען פאר א מיטגליד פון דעם סטייט „באארד און משארימים", וואו זי איז פארבליבען 13 און א האלב יאהר, טועגדיג דורך דער צייט אומגעהויער פיל גוטע ארבייט־אויף דעם געביט פון געזעלשאפטליכער פילאנטראָפיע. אין דעם גרויסען עקאנאמישען קריזיס פון 1893, האט זי אליין ארגאניזירט הילף פאר איבער 5000 ארבייטסלאזע אין ניו יארק. ביים סטרייק פון די סוועט שאפ שניידערס אין 1894, האט זי ארויסגעוויזען אן אקטיווען מיטגעפיל צום טרויעריגען גורל פון די עקספלואטירטע ארבייטער.

די ערשטע „קאנסיומערס ליג" איז געגרינדעט געווארען דורך מרס. לאועל און דר. מערי דזשאקאבי אין יאר 1890, נאך דעם ווי אן אונטערזוכונג פון דער „ווארקינג וומענס סאסייטי" האט אויסגעדעקט די שוידערליכע לאגע פון די פארקויפערינס אין די דריי גודס און דעפארטמענט סטארס. דיזע פרויען־ארבייטער, מערסטענס יונגע מיידלאך, האבען פאר הונגער וויידזשעס געשקלאפט פון 12 ביז 15 שטונדען א מעת לעת, ניט האבענדיג אפט אפילו קיין איינציגען רוה טאג דורך דער וואך, ארבייטענדיג ביי די ערגסטע סאניטארישע באדינגונגען און אומזיכערהייט מיט דער באשעפטיגונג. דורך געלד שטראפען און אנדערע שיקאנירונגען פלעגען די אונטערנעהמער נאך צונעמען ביי זיי דעם גרעסטען טייל פון די קלעגליכע וויידזשעס. פון דעם געזעץ פון יאהר 1881, וואס האט איינגעפירט דאס רעכט פון די סיילס־ליידיס צו קענען זיך אויף א ווילע צוזעצען אין משך פון די ארבייטס שטונדען, האבען די באלעבאטים איינפאך זיך געמאכט ניט וויסענדיג, און אפילו דירעקט איינגעפירט א פארבאט צו זיצען און אפילו זיך אנשפארען אן קאונטער. צוליב דער שווערער אנשטרענגונג פלעגען ניט זעלטען די יונגע און שוואכע מיידלאך חלשן ביי דער ארבייט. אין דער צייט פון קריסטמעס „ראש" זיינען פילע פון די סטאר אנגעשטעלטע און די דעליווערי־באיס איינפאך געפאלען אין די אנלאבליעס און, קומענדיג ערב חנא אהיים, פלעגען זיי באלד מוזען אריינלייגען זיך אויף א פאר טעג אין בעט, אום אויסצורוהען און קומען צו זיך. פון קיין באצאלטע וואקיישאנס האט מען ניט געקענט אפילו חלום'ען. אין דעם טויטען זומער סעזאן פלעגען די באסעס אפילו גאנץ גערן זיין אפצולאזען אויף א פאר וואכען די מיידלאך פון סטאר, ווייל דאס וואלט געבראכט א דירעקטע עקאָנאמיע אין די עקספענס פון די ביזנעס. דאך האט קיין איין מיידעל זיך ניט געקענט אפשפארען פון דעם פארדינסט, וואס איז געווען בלויז 2 ביז 3 דאלאר א וואך, אויף די קאסטען פון א וואקיישאן. א חוץ דעם איז נאך געווען גרויס די געפאר, אז דער באס וועט דורך דער צייט נעמען אן אנדער פארקויפערין אנשטאט די עטליכע מיידלאך, וואס זיינען אוועק אויף וואקיישאן. מורא האבענדיג צו פארלירען דעם דזשאב, האט א פארקויפערין אלזא ניט געקענט זיך ערלויבען א וואך־צוויי רוה, אפילו ווען דאס שוואכע געזונט האט עס דרינגענד געפאדערט.

צענדלינגער טויזענטער סטאר מיידלאך אין ניו יארק און אנדערע גרויסע שטעדט האבען געלעבט אין אזעלכע אונמענשליכע באדינגונגען. די „קאנסיומערס ליג" האט זיך געשטעלט דעם ציל צו פארבעסערן זייער צושטאנד דורך א פלאנמעסיגער אריינמישונג מצד די קאנסומענטען, וואס זיינען אינדירעקט פאראנטווארטליך, דורך זייער גלייכגילטיגקייט, פאר אזא שרייאינגער עולה. ביי א מאסמיטינג אין ניו יארק, דעם 6טען מאי 1890, האט מרס. לאועל, אין א רעזאלוציע, אויסגעדריקט די פאלגענדע גרונדפרינציפען פון דער נייער ארגאניזאציע: 1) דער קאנסומענט מוז אלע טאג זיך אפגעבען דין וחשבון וועגען זיין פירונג, וועלכע קען פאלען א צו שווערע לאסט אויף די פארקויפס־מיידלאך; 2) דער קאנסומענט טראגט אויף זיך א טייל פאראנטווארטליכקייט פאר די שווערע באדינגונגען פון די לוין ארבייטער, ווען ער כאפט זיך צו צו יעדער מציאה און פרעגט ניט, ווי אזוי די סחורה איז געמאכט געווארען; 3) עס איז די פליכט פון יעדען קאנסומענט אויסצוגעפינען אונטער וועלכע אומשטענדען די סחורות ווערען פראדוצירט און צו פארלאנגען אז אויך די ארבייטער זאלען זיין זיכער מיט א מענשליכער עקזיסטענץ.

דאס זיינען די כללים פון די „קאנסיומערס ליגס". גאנץ איינפאכע און קלארע פרינציפען, אבער אין זיי איז איינגעשלאסען א גרויסע סאציאלע טעאריע. די פאבריקאנטען און קרעמערס רעכענען זיך מיט דעם געשמאק און די פאדערונגען פון די קאסטאמערס, טא וואָרום זאלען די קאסטאמערס ניט קענען צווינגען זיי אנצוערקענען די לעבענס־אינטערעסען פון די ארבייטער? דער איינצעלנער קויפער איז, נאטירליך, מאכטלאז, ווייל קיין סטאר קיפער וועט ניט בייטען זיינע מנהגים צוליב איין איינציגען קאסטאמער. דערפאר אבער קען א גרופע פון קאנסומענטען יע זיין ווירקזאם ביי אזא צוועק און אויסנוצען איר איינפלוס פאר די גערעכטע פאדערונגען פון די ארבייטער. דאס קען לייכט דערגרייכט ווערען דורך אן אויפקלערונגס־קאמפיין און דורך דעם וואס אלע פירמעס, וועלכע האלטען זיך ביי די נעהעריגע סטאנדארדס, וועלען באקאנט געמאכט ווערען פאר דעם ברייטען עולם. די קאנסיומערס ליג האט באלד איינגעפירט „ווייסע ליסטען", וועלכע פלעגען פון צייט צו צייט ערשיינען און האבען זיך באלד ארויסגעוויזען פראקטיש און ווירקזאם אין סוף פון 2טען יאהר, 1893, האט די ליג געהאט אויף איר צעטעל בלויז 24 סטארס, וואס איז דאך געווען דריי מאל אזוי פיל ווי די צאל פירמעס, וועלכע זיינען געשטאנען אויף דער ערשטער ווייסער ליסטע אין יאר 1890.

דורך דער מוט און ענערגיע פון איין ארבייטערין, אליס וואודברידזש, סעקרעטערין פון דער ווארקינג וומענס סאסייעטי, און עטליכע פרויען פון דעם פארמעגליכען קלאס, איז אלזא אין משך פון איין יאהר געשאפען געווארען א גרויסע פארבעסערונג אין די ארבייטס באדינגונגען פון טויזענטער פרויען אין די סטארס. דירעקט אונטער דער ווירקונג פון דער נייער ארגאניזאציע האט די לעדזשיסלייטשור פון סטייט ניו יארק איינגעפירט, אין יאר 1896, דעם „מערקאנטיל אינספעקשאן אקט", וואס האט מעגליך געמאכט פאר די סיילס ליידיס צו געניסען פון איינינע וויכטיגע פאבריק געזעצען.

פון די סטארס איז געווען נאר איין שריט צו די שעפער און טענעמענטס הייזער וואו די קליידער און דריי גודס פלעגען פראדוצירט ווערען. אין יאר 1898, ווען עס האט אויסגעבראכען דער גרויסער רעוואלט אין דער ליידיס טיילארינג אינדוסטריע געגען דער פארהאסטער סוועט שאפ סיסטעם, האט די „קאנסיומערס ליג" זעהר אקטיוו געהאלפען די קעמפענדע ארבייטער. זי האט צוגעגרייט א באדען פאר דעם געזעץ וועגען רעגיסטרירען אלע „האום" ארבייטער, דאס מיינט די שוויץ שעפער פון די טענעמענט הייזער. גלייכצייטיג האט זי איינגעפירט דעם „קאנסיומערס לייבעל", וועלכער האט זיך שטארק באליבט געמאכט ביים עולם און געהאלפען אויסצוראטען די פעסט פון דער שענדליכער סוועטינג סיסטעם. באלד האט זיך אויך ארויסגעוויזען, אז עס איז נויטיג צו שאפען א פעדעראציע פון אלע לאקאלע קאנסיומערס ליגס, וואס זיינען שוין געווען טעטיג אין יענער צייט: די ווארעס, וועלכע מען פלעגט פארקויפען אין ניו יארק, זיינען געקומען, למשל, פון פילאדעלפיא, און, פארקערט פלעגט מען די ניו יארקער סחורות פארקויפען אין שיקאגא און אנדערע פלעצער. אין יאהר 1899 איז דארום געגרינדעט געווארען די „נעשאנאל קאנסיומערס ליג", אין וועלכער עס זיינען אריינגעטראטען די ליגס פון 4 סטייטס: ניו יארק, פענסילווייניא, אילינאי און מאסאטשוסעטס. אלס סעקרעטאר פון דער פעדעראציע איז באשטימט געווארען מרס. פלארענס קעלי, וועלכע איז פריהער געווען אן ארבייטס אינספעקטארין אין שיקאגא, די ערשטע פרוי אין די פאראייניגטע שטאטען צו פארנעמען אזא אמט, וועלכען עס האט איר איבערגעגעבען דער באקאנטער ליבעראלער גאווערנאר פון אילינאי, — אלטגעלט. מרס. קעלי שטעהט נאך ביז היינט צו טאג אין דער שפיץ פון דער גאנצער באוועגונג און האט זיך אין איהר פארדינט געמאכט אויף אן עהרענהאפטען און פילזייטיגען אופן.

היינט צו טאג געפינען זיך אין לאנד 90 לאקאלע ליגס און 20 סטייט ארגאניזאציעס. דערצו זיינען נאך טעטיג 25 קאלעדזש און סקול ברענטשעס און 35 אוקזילערי ליגס. אן ענגליכע באוועגונג איז, דירעקט אונטער דעם איינפלוס פון מרס. נייטהאן, וועלכע איז נאך דעם טויט פון מרס. לאועל, אין 1899, געווארען פרעזידענט פון דער ניו יארקער ליג, אויפגעקומען צוערשט אין פראנקרייך און שפעטער אין דער שווייץ, דייטשלאנד, האלאנד, בעלגיען, איטאליען און שפאניען, ווי אויך אין דער ווייטער אויסטראליען. דער ערשטער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס איז פארגעקומען אין זשענעווא, שווייץ, אין יאהר 1908, און דער צווייטער אין אנטווערפען, בעלגיען, אין יאר 1913. אין אלע איירָאפּאישע לענדער, באזונדערס אבער אין פראנקרייך, האט די ארגאניזירטע ארבייטער באוועגונג גענומען א גרויסען אנטייל אין

(שלוס אויף זייט 11)

דו

(פון דער סעריע: „אין אסתר'ס ליכטוועג")

פון אל. גוריה.

איך וויל, ווי דו, ניט פרעגען „וואס וועט זיין?"
נו, וואס וועט זיין, אט דאס זאל זיין, זאל זיין;
דו ביסט פאראן און איך מוז הערען, זעהן:
דיין שטים, דיין שמייכעל און דיין אויגענשיין.

געבענשט זאל זיין דער חן פון דיין געשטאלט,
געבענשט זאל זיין דער ליכט־וועג פון דיין גאנג,
און איך בין דאך געבענשט אודאי שוין,
וואס כ'קען באזינגען דיך אין א געזאנג.

ווי געטליך־גרויס איז דאס צו זיין מיט דיר
און אויך אהן דיר — דאן זינג איך אויך און לויב,
און טרוים, און בענק און הער, ווי איבער מיר,
דו טראגסט זיך, ווי א ווייסע טויב...

מיין זון געהט אויף אין הימעל יעדען טאג,
מיין נאכט איז דורכגעשטראלט מיט שטערען־שיין,
ווייל דו ביסט אין מיין וועלט און איך דערפאר
בלאנקט מיט עשירות'קייט מיין ווייטער זיין.

א, טראג זיך, טראג זיך, דו, מיין אסתר־טויב,
באוואך מיין וועג אויף וועלכען כ'געה צו דיר,
דער טאג, וואס האט דיך צו מיר צוגעפיהרט,
געהט נאך א צוגעבונדענער צו מיר...

א שווערע, ווייל די פאשיסטישע פארטרעטער זוכען צו מאכען אלע שטערונגען וואס זיי קענען, מיט דער פולער הילף, פארשטעהט זיך, פון מוסאליני אין איטאליען. די ארגאניזאציע געהט דאך אן ערפאלגרייך מיט איהר ארבייט צו זעהן, אז די פאשיסטישע באוועגונג זאל ניט האבען קיין איינפלוס אויף די ארבייטער פון אונזערע יוניאנס אין אמעריקא. זיי זעהען ווי ווייט מעגליך ניט צוצולאזען די דעמאראליזאציע וועלכע די פאשיסטען זוכען צו פארשפרייטען צווישען די ארבייטער, זוכענדיג אויפצורייצען איינעם געגען אנדערען.

* * *

דער קאמף געגען פאשיזם, דער שונא פון דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג אומעטום, איז די זאך פון דער אינטערנאציאנאלער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט. מיר וויסען ווי שווער עס איז דער קאמף פון דעם „אנטי־פאשיסטי אליינס" אין אמעריקא, און מיר וויסען די שווערע אויפגאבע וועלכע ער האט גענומען אויף זיך, צו קעמפען געגען דער פינסטערער מאכט פון פאשיזם, און מיט'ן גאנצען הארצען שטיצען מיר אט די באוועגונג. צוזאמען מיט די אלע פרייהייט־ליבענדע מענשען אין אמעריקא, באגריסען מיר דעם צוזאמענקום — די קאנווענשאן פון דעם אנטי־פאשיסטי אליינס" — און מיר ווינשען זיי פולען ערפאלג אין דעם נאבעלער ארבייט.

GERECHTIGKEIT
A JEWISH LABOR WEEKLY
Published every Friday by the
International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th Street, New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President
ABRAHAM BAROFF, Secretary-Treasurer
L. FINKELSTEIN, Acting Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VIII. No. 37. Friday, Sept. 10, 1926
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Sec. 1103, Act of Oct. 3, 1917, Authorized Jan. 25, 1919.

אויף די באריקאדען

24 שטונדען בעפאר עס האט זיך געעפענט די ערשטע זיצונג פון דער קאנפערענץ, לעצטע וואך, צווישען דעם „אינדאסטריעל קאונסיל" און פארטרעטער פון דער יוניאן, האט פרעזידענט זיגמאן געמאכט אן עפענטליכען סטייטמענט, אין וועלכען ער האט שוין דעמאלט געצווייפעלט אין דער ערנסטקייט פון די „אינסייד"-מאנופעקטשורער, וועלכע האבען זיך אפגערופען צו געהן מיט דער יוניאן אויף א קאנפערענץ. ער האט געזאגט: „מענשען, וואס זיינען באמת פאראינטערעסירט צו קומען צו א פארשטענדיגונג מיט זייערע געגנער אין א קאמף, וואלטען ניט אנווארפען א בארג באליידיגונגען און פארלוימדונגען איידער זיי געהען צו א קאנפערענץ, צו פארהאנדלען וועגען פרידען. דיזע הערען וואלטען זיך זיכער געהאלטען גאנץ אנדערש, ווען זיי וואלטען וועלען, אז מען זאל קענען האפען, דאס זיי מיינען ווירקליך צו געהן צו א קאנפערענץ, וואו מען זאל קענען קומען צו א פרידליכען סעטעלמענט."

עס האט גענומען בלויז דריי טעג און פרעזידענט זיגמאנ'ס צווייפעל איז פארווירקליכט געווארען. נאך איינינע זיצונגען און פארהאנדלונגען איז מען צו גארנישט ניט געקומען און די קאנפערענץ האט זיך פארענדיגט מיט א „דעדלאק".

די שוואכע האפענונגען, וואס מאנכע אפטימיסטען האבען געהאט, אז די „אינסייד" מאנופעקטשורער האבען שוין ענדליך איינגעזעהן, אז זיי האבען שוין גענוג קלעפ, און אז מען דארף זיך צונויפקומען מיט דער יוניאן צו קומען צו א פארשטענדניש, איז אוועק, אזוי צו זאגען, מיט'ן רויך. ביידע צדדים האבען זיך צוריקגעקערט פון דער קאנפערענץ צו זייערע פריהערדיגע פאזיציעס — די יוניאן צו די באריקאדען און די פיהרער פון דעם „אינדאסטריעל-קאונסיל" זיינען ווידער אוועק אויף זייער פאסטען, מיט דער האפענונג ווייטער צו „שיסען" מיט זייער לעכערליכער פראפאגאנדע פון „ליבעס-בריוולאך" און ליפלעטס אין דעם לאגער פון די קלאוק-סטרייקער.

* * *

עס וואלט געווען אן אומזיסטער צייט-פארלוסט צו מאכען אפילו א פארזוך אנצואווייזען אויף די פונקטען, וואס זיינען דיסקוטירט געווארען אין דער צייט פון דער קאנפערענץ, וועלכע האט ניט געבראכט קיינע רעזולטאטען. פונקט אזוי גוט וואלט עס געווען אומזיסט אנצואווייזען אויף די „נאכגעבונגען", וואס די באלעבאטים זיינען געווען ווילינג צו מאכען ביי דער זיצונג; אדער אנצואווייזען אויף די „קאמפראמיסען", וועלכע זיינען פארגעשלאגען געווארען פון די מאנופעקטשורערס צו די פארשטעהער פון די סטרייקערס. דער אמת איז, דאס קיין קאנקרעטער פארשלאג איז ניט געקומען פון זייער זייט, אין דער גאנצער צייט וואס די קאנפערענץ האט געדויערט, וועגען אירגענד וועלכען פונקט אדער פאדערונג, וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט, ווי א שטייגער די 40-שטונדיגע ארבייטס-וואך, די גאראנטי פאר 36 וואכען אין יאהר ארבייט, די באשרענקונג פון קאנטראקטארס און די אנדערע פאדערונגען. קיין באשטימטען ווארט האבען זיי ניט געהאט צו זאגען וועגען די אלע פאדערונגען פון דער יוניאן.

אנשטאט ארויסקומען מיט ווערטער און לשון וועגען די פונקטען, וואס די ארבייטער האבען פארגעשלאגען דורך זייערע פיהרער, האבען די הערען פון דעם „אינדאסטריעל קאונסיל" זיך באנוגענט בלויז מיט, אזוי צו זאגען, פוסטע פארשפרעכונגען. זיי האבען זיך אויך ניט געפוילט צו מאכען פארזיכערונגען, ווארטערליך, נאטירליך, וועגען דער צוקונפטיגער „פראספעריטי" פון די ארבייטער.

אז זיי האבען קיינמאל ניט ערנסט געמיינט נאכצוגעבען די פאדערונגען, וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט, איז קלאר געווארען גלייך ווי די קאנפערענץ האט זיך אנגעהויבען, ווען די פיהרער פון דעם „אינדאסטריעל-קאונסיל" האבען זיך געאיילט ארויסצולויפען פון צימער, וואו די קאנפערענץ איז פארגעקומען, צו אינפארמירען די צייטונגס-לייט, „אז עס איז א ליגען, אז זיי האבען צוגעשטימט צו אירגענד וועלכע פארשלאגען אדער פונקטען, וואס די יוניאן האט זיי פארגעלייגט".

* * *

איצט איז קיין צווייפעל ניט, אז דער אינדאסטריעל קאונסיל האט ניט געהאט קיין ערנסטען פארלאנג פאר א קאנפערענץ מיט דער יוניאן. נאך דער „אונפארמאלער" קאנפערענץ מיט די פארשטעהער פון די סטרייקער, ארום דריי וואכען צוריק, האבען, ווי עס שיינט, די פיהרער פון די „אינסייד" מאנופעקטשורערס איינגעזעהן, דאס ווען נאר זיי קומען זיך צונויף פנים אל פנים מיט די פארשטעהער פון דער יוניאן, ארום דעם קייילאכדיגען טיש, האבען זיי גארניט עפעס לאגישעס פארצושלאגען. א חוץ וואס זיי קענען ווייטער בלייבען בלינדערהייט איינגעשפארט און פאר'עקשנ'טערהייט „קעמפען", אזוי צו זאגען, געגען די גערעכטע פאדערונגען פון די ארבייטער.

דעריבער, האבען זיי זיך אויסגעקליבען אן אנדער וועג. אנשטאט דירעקט צו פארהאנדלען מיט די פארשטעהער פון דער יוניאן און פון די סטרייקערס, האבען זיי ארויסגעלאזען א לאזונג פאר „ארביטריישאן", מיינענדיג, אז דורך דעם וועלען זיי קריגען „עפעס פאר גאר ניט". אבער די יוניאן האט דאך שוין דעם ארביטריישאן-פארשלאג זייערע אנטשידען צוריקגעוויזען נאך פריער.

די יוניאן, דורך איהרע פארשטעהער, האט שוין פריער קלאר געמאכט, אז קיין קאמיטעס פון „אויטסיידיגע" פערזאנען קענען אין דעם איצטיגען מאמענט גארניט אויפטאן עפעס ממשות'דיגעס. דער כאאס און די אומארדנונג אין דער קלאוק אינדוסטריע האט געשאפען אזא קאמפליצירטע לאגע, דאס פרעמדע פערזאנען וואלטען קיינמאל ניט קענען באגרייפען וואס דא טוט זיך. מעגליך, אפשר, אז זיי וואלטען געקענט עפעס פארלאטען, אזוי צו זאגען, כדי צו ברענגען דעם סטרייק צו א סעטעלמענט. אבער וואס פאר א גוטעס וואלט דערפון ארויסגעקומען? דער פרידען וואס וואלט געקומען פון אזא מין פארלאטען וואלט קיין קיום ניט האבען. דאס וואלט זיכער געפיהרט צו דעם, אז די הויפט פונקטען פון דעם אינדאסטריעלען פראגראם, וואס די יוניאן האט פארגעבראכט, זאלען באזייטיגט ווערען.

אין זייער סטראטעגישען פלאן פון לעצטער וואך, אננעמענדיג צו געהן צו א קאנפערענץ מיט דער יוניאן, האבען זיי הפנים אין זינען געהאט, עס זאל זיי דינען אלס א בריק דורך וועלכען זיי זאלען קענען צוקומען צו דאס וואס זיי האבען שוין פריהער געוואלט — ארביטריישאן. הפנים זיי מיינען, אז דאס וואלט געווען פאר זיי דער בעסטער אופן ווי עפעס אויסצודינגען, צו כאפען א „בארגען" ביי די סטרייקערס.

* * *

די פיהרער פון דעם קלאוקמאכער סטרייק זיינען פעסט אנטשלאסען איצט, אזוי גוט ווי זיי זיינען עס געווען פריהער, צו צושטערען די אלע שעהנע אויסגעלעגטע פלענער פון דעם „אינדאסטריאל קאונסיל". די קלאוק סטרייקער האבען זיך גארניט פארגעשטעלט, אז דער איצטיגער סטרייק וועט זיין א לייכטער און א קורץ-דויערענדער. ווען די קלאוקמאכער האבען פארלאזען זייערע שעפער דעם 1טען יולי, האבען זיי גוט געוואוסט, אז זיי האבען פאר זיך א מעכטיגע קאמבינאציע פון באלעבאטים, וועמעס שטרעבונג עס איז צו פארניכטען די יוניאן, צו מאכען זי פאר אויס פאקטאר אין דער קלאוק אינדוסטריע. די קלאוקמאכער האבען גוט געוואוסט, אז צו ברעכען דעם ווידערשטאנד פון די ארגאניזירטע באלעבאטים אין דער קלאוק אינדוסטריע וועט ניט זיין קיין לייכטע זאך. זיי האבען געוואוסט, אז עס וועט נעמען וואכען, און אפשר מאנאטען פון אן אונאויפהערענדען קאמף, ביז די באלעבאטים וועלען זיין געצוואונגען די גערעכטע פאדערונגען נאכצוגעבען.

קיינער, אפילו דער ערגסטער שונא, קען ניט זאגען, אז די קלאוקמאכער פיהרען ניט אן א וואונדערבארען קאמף שוין זייט די לעצטע 10 וואכען, דאס די רייען פון די סטרייקערס זיינען אויף דעם מינדעסטען אופן אפגעשוואכט געווארען, דאס זיי האבען ניט אנגעפיהרט דעם קאמף מיט פולער מוט און אנטשלאסענהייט, לויט דער טראדיציע פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, און קיינער ווייס ניט אזוי גוט ווי די סטרייקערס גופא, דאס ניט אכטענדיג דעם „שטארקען" פראנט וועלכען זייערע באלעבאטים האבען ארויסגעשטעלט, און ניט אכטענדיג די אזוי גערופענע גלייכגילטיגקייט פון די דזשאבערס, און די איינגעשפארטקייט פון די „אינסייד" מאנופעקטשורערס, זיינען דאך די פארשטעהער פון די באלעבאטים די יעניגע, וועלכע לויפען ארום זוכען „א רעליף". זייער איינגעשפארטקייט איז פאקטיש אונטערגעגראבען געווארען דורך די שטענדיגע אטאקעס וואס קומען פון די סטרייקערס.

אלזא, די קאנפערענצען מיט דעם אינדאסטריאל קאנסיל זיינען אפגעבראכען, אבער אזוי ווי ניט די סטרייקער און ניט זייערע פיהרער האבען ערווארטעט, עס זאל עפעס ארויסקומען פון דער ערשטער קאנפערענץ, האבען זיי ניט קיין אורזאכען עס אפילו צו באדויערען. דער אויסגאנג פון די קאנפערענצען האט געבראכט צו די סטרייקער א נייעם מעסעדזש, א נייע לאזונג — דער סטרייק מוז ווייטער פארטגעזעצט ווערען נאך מיט מעהר ענערגיע און מיט מעהר איבערגעבענקייט און מיט מעהר אפפערווילינגקייט, ווי עס איז געטאן געווארען ביז איצט. דאס דער סטרייק מוז ווייטער געפיהרט ווערען מיט דער גרעסטער אנטשלאסענהייט, ווי לאנג עס זאל ניט דארפען געדויערען, ביז צו אן ערפאלגרייכער ענדע.

* * *

דער קאמף מוז ווייטער אנגעהן. דער גרויסער סטרייק וועט געוואונען ווערען אויפ'ן פיקעט-ליין — אויפ'ן פיקעט-ליין פון ניו יארק, אזוי גוט ווי אין די אט-אורטאון דיסטריקטס, וואו מאנכע מאנופעקטשורערס האפען, אז זיי וועלען קריגען דארט געמאכט אביסעל קלאוקס. די סטרייקערס דארפען און מוזען זעהן ארומצונעמען, אזוי ווי מיט א שטאלענעם פאנצער, ארום די אלע שאפקעס אין וועלכע די מאנופעקטשורערס וועלען מאכען א פארזוך אויפצומאכען כאטש עפעס פון די ארדערס וועלכע זיי דארפען האבען. גלייכצייטיג, דארפען די סטרייקערס זעהן ווי ווייט מעגליך ניט דורכצולאזען קיין איין סטרייק-ברעכער, קיין סקעב, וועלכער וויל זיך אויף אירגענד וועלכען אופן דורכ'גנב'ענען די „טרענטשעס" און זיך אריינכאפען אין שונא'ס לאגער. אלע אנשטרענגונגען מוזען און וועלען געמאכט ווערען, דאס קיינע אזעלכע פאררעטער זאלען ניט קענען דורכפיהרען זייער טייוואלישען פלאן.

מעגליך, אז עס וועלען פארקומען נאך קאנפערענצען צווישען די פארשטעהער פון די מאנופעקטשורערס און די פארשטעהער פון דער יוניאן, אבער די סטרייקערס דארפען האבען אין זינען, דאס זייערע פיהרער, וועלכע וועלען זיך צונויפקומען מיט די באלעבאטים צו פארהאנדלען וועגען א סעטעלמענט פון פרידען, וועלען דאס קענען טאן מיט מעהר ערפאלג, ווען די סטרייקערס וועלען טאן זייער פולע פליכט און זיין אלע מאל אויף דער וואך. זיי דארפען וויסען, אז דער סטרייק מוז פארטגעזעצט ווערען מיט דער פולער ענערגיע, אפילו ווען א קאנפערענץ מיט די באלעבאטים קומט פאר און וואס שטארקער זיי וועלען דאס מאכען פיהלען די באלעבאטים, אלץ גרעסער וועט זיין זייער זיג.

* * *

נאך אן אנשטרענגונג! נאך מעהר ענערגיע, זאל אריינגעטראגען ווערען אינ'ם קאמף און די באלעבאטים — די מאנופעקטשורערס אזוי גוט ווי די דזשאבערס, וועלען ענדליך מוזען איינזעהן, דאס אלע זייערע „סקימס" צו קריגען אן „ארביטריישאן בארגען" וועלען ניט צוברעכען דעם סטרייק פון די קלאוקמאכער. די וויכטיגע און גערעכטע פאדערונגען פון די סטרייקערס וועלען מוזען נאכגעגעבען ווערען. דער כאאס און די שוידערליכע עקספלאטאציע וואס איז אנגעגאנגען אין דער קלאוק אינדוסטריע ביז איצט מוז איינמאל פאר אלע מאל אפגעשטעלט ווערען. די באלעבאטים מוזען אויף זיך נעמען די פולע פאראנטווארטליכקייט, דער פריהערדיגער הפקר צושטאנד, אין וועלכען עס האבען זיך ביז איצט געפונען די קלאוקמאכער, מוז און וועט איינמאל פאר אלע מאל אפגעשטעלט ווערען!

די אנטי־פאשיסטי קאנווענשאן

די אנטי־פאשיסטי קאנווענשאן, וואס קומט פאר די וואך אין ניו יארק, איז פון גרויס וויכטיגקייט אין דעם נאציאנאלען לעבען פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. וויכטיג איז אויך דער גרויסער אינטערעס וואס די מעמבערס פון אונזער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן נעמען אין דער קאנווענשאן. אונזערע איטאליענישע לאקאלס האבען בייגעטראגען זעהר פיל איינצורופען דיזע קאנווענשאן, און אונזערע לאקאלס האבען געהאט א גרויסע פארטרעטערשאפט אויף דער קאנווענשאן.

* * *

דער „אנטי־פאשיסטי אלייענס" אין אמעריקא איז צונויפגעשטעלט פון איטאליענישע טרייד יוניאניסטען און פראגרעסיווע ארגאניזאציעס אין דער ארבייטער באוועגונג, און אונטער דער אויפזיכט פון די אלע ארגאניזאציעס איז פארגעקומען די קאנווענשאן, וואס איז פון א גרויסער באדייטונג אין דעם קאמף געגען די „פאשיסטי" אין איטאליען און אויך אין דיזען לאנד.

די שטים פון ארבייט — פון די ארגאניזירטע ארבייטער, אזוי גוט ווי פון די ניט ארגאניזירטע אין איטאליען — איז היינט צו טאג א דערשטיקטע אונטער דער ברוטאלער דיקטאטור פון מוסאליני און זיין רעזשים. די ארבייטער ארגאניזאציעס אין איטאליען זיינען פאקטיש היינט צו טאג צושטערט. אנשטאט די אמת'ע ארבייטער ארגאניזאציעס, וועלכע האבען עקזיסטירט פריהער, האט די רעגירונג פרובירט איינשטעלען פאשיסטישע טרייד־יוניאנס, וועלכע זיינען עהנליך צו די „קאמפאני יוניאנס" אין אמעריקא, וואס זיינען אונטער דעם איינפלוס פון די „שווארצע העמדלעך" אין איטאליען. דער אכט שטונדיגער ארבייטס טאג איז אפגעשאפט געווארען פון דער פאשיסטישער רעגירונג. פרויען שטים רעכט איז פאקטיש אפגעשאפט געווארען. די פרייהייט פון פרעס און די פרייהייט פון פארזאמלונג זיינען שוין באלד א זאך פון דער פארגאנגענהייט. די „שווארצע העמדעל" הערשט ברוטאל אין דער איצטיגער צייט.

ווי עס שיינט, אבער, וויל זיך ניט באנוגענען דער פאשיזם מיט דעם, וואס ער געוועלטיגט אין איטאליען אליין. עס זיינען פאראן מיליאנען פון איטאליענישע אימיגראנטען, מעהרסטענס ארבייטער, אין אנדערע לענדער, און די פארגוואלדיגער פון פרייהייט אין איטאליען טוען אלץ וואס זיי קענען צו פארשפרייטען זייער פינסטערע פראפאגאנדא צווישען די ארבייטער פון איטאליענישער אפשטאמונג, וועלכע געפינען זיך אין אנדערע לענדער. די פאשיסטישע אגיטאטארס פיהרען, לײדער, אן זייער פראפאגאנדא, וואו נאר זיי קענען, און דאסזעלבע פארפעהלען זיי אויך ניט צו טאן דא אין אמעריקא. זיי פיהרען אן א פראפאגאנדא אין די איטאליענישע צייטונגען און אויך אין מאנכע ענגלישע, וואו זיי קענען אריינקומען מיט זייער ווארט, ווילענדיג מאכען דעם איינדרוק, אז זיי זיינען די ווירקליכע רעטער פון איטאליען, דאס זיי מיינען איינצושטעלען אין איטאליען א בעסערע ארדנונג. אונטער אט דער מאסקע זוכען זיי צו פארגיפטען די מוחות פון די איינגעוואנדערטע איטאליענער דא אין לאנד.

* * *

אלס א געגענגיפט צו דער פינסטערער פראפאגאנדא פון די פאשיסטישע אגיטאטארס, האט זיך דא אין לאנד געגרינדעט מיט א דריי יאהר צוריק אן ארגאניזאציע אונטער דעם נאמען „דער אנטי־פאשיסטי אלייענס". דיזע ארגאניזאציע איז געגרינדעט געווארען פון די ראדיקאל־געזונענע ארבייטער פון איטאליענישער אפשטאמונג דא אין אמעריקא, מיט דער פולער הילף און מיטווירקונג פון די איטאליענישע לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל, און אויך פון דער אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס. דער צוועק פון דער ארגאניזאציע איז געווען גלייך פון אנפאנג אנצואווייזען אויף דעם ריכטיגען קאליר פון די פאשיסטען וואס פיהרען אן א פראפאגאנדא אין דעם לאנד, און געגענווירקען, דאס זייער פראפאגאנדא זאל ניט געפינען קיין אפקלאנג אין די רייהען פון די ארבייטער. די ארבייט, פארשטעהט זיך, איז זעהר

וועגען קונסט־קריטיקער

(נאטיצען פון א זשורנאליסט).

פון על עם

ווי בעקאנט, האבען איינינע דענקער, און צווישען זיי ניט קיין קלענערער ווי גראף טאלסטאי, ארויסגעזאגט דעם אפי־קורסישען געדאנק, אז די גאנצע קונסט מיט די קינסטלער צוזאמען זיינען א איבעריגע זאך און די וועלט און די מענש־הייט קאן זיך גאנץ גוט באגעהן אהן זיי.

דאך איז דיזע מיינונג, הגם זי איז ארויסגעזאגט געווארען מיט פיל איבער־צייגענדער קראפט, ניט אנגענומען געווא־רען און די קינסטלער האבען אויף איין ווײלע ניט אויפגעהערט צו שאפען און צו זוכען נייע וועגען פאר זייער שאפונג מיט דעם פולען גלויבען, אז זיי טוען א העכסט־וויכטיגע און א העכסט־נוצליכע זאך.

דערפאר אבער הערען ניט אויף די קינסטלער פון זייער זייט צו רעדען און שרייבען אויף אלערליי לשונות, אז די קונסט־קריטיק איז א שעדליכע זאך. ווען איהר זאלט זיי גלויבען, וואלט די קונסט שוין לאנג געבראכט די גאולה פאר דער מענשהייט, בלויז די קריטיקער — די רשעים — דערלאזען ניט דעם קומען פון קונסט־משיח.

דא בין איך ניט אויסען ארייגצוגעהן אין תוך פון די אלע טענות פון די קינסטלער געגען די קריטיקער, איהר דארפט וויסען, אז אויף דיזער טעמא איז אנגעשריבען געווארען א גאנצע ליטערא־טור.

מיר ווילט זיך נאר אפשטעלען אויף צוויי ארויסטרעטונגען געגען די קריטי־קער, וועלכע זיינען לעצטענס געמאכט גע־ווארען פון אונזערע היימישע קינסטלער.

איינער א פאעט, וואס קעמפט יאהרען לאנג מיט די קריטיקער, וועלכע אנערקע־נען איהם ניט פאר קיין זשעני, איז ארויס מיט דער באהויפטונג, אז דער אמת'ער קריטיקער, דער גרעסטער אויטאריטעט, איז דאס פובליקום. דאס פובליקום פאר־שטעהט בעסער און שאצט אפ ריכטיגער דעם פאעט און דעם קינסטלער, ווי אלע קריטיקער.

פארשטעהט זיך, אז דאס וואלט גע־ווען ווירקליך שעהן און פיין, ווען... דאס זאל געווען זיין אמת. ליידער ווייסען מיר גאנץ גוט, אז דערוויל שטעהט נאך ניט דאס פובליקום (נישט נאר דאס אי־דישע, נאר אפילו ביי פיל געבילדעטערע פעלקער) אויף אזא הויכער מדרגה, דאס עס זאל קאנען אליין אפשאצען ווי גע־העריג און פארשטעהן ווי עס דארף צו זיין א וועלכע ניט איז קונסט־ווערק.

און דאס איז גאר קיין וואונדער נים. אום צו זיין פעהיג אויף אזא אפשאצונג, מוז מען זיין גייסטיג פיל מעהר ענטווי־קעלט, ווי דאס איז דער פאל מיט ניין־און־ניינציג פראצענט פון פובליקום, וואס האט ניט קיין שום פארבערייטונג צו פאר־שטעהן קונסט.

דאס איז אזא אלגעמיין־בעקאנטער פאקט, אז עס ברויכט, דוכט זיך, גאר ניט קיין בעווייזען. אגב מוז דערביי באמערקט ווערען, אז גראד דאס פובליקום שעצט אפ די ארבייט פון קריטיקער, אלס ווענ־ווייזער אין די פארפלאנטערטע שטעגען פון דער קונסט, אלס נויטיגע פיהרער אויף די אומבעקאנטע הויכע אלפענבערג פון דער פאעזיע.

ניט צופרידען מיט די קריטיקער זיי־נען בלויז די קינסטלער, בעזונדערס די יעניגע, וועלכע האלטען זיך פאר די זאלץ פון דער וועלט, פאר די געטער פון אלימ־פוס, וויינינסטענס, פאר די אויסדער־וועהלטע פון דער מענשהייט.

איינער פון די דאזיגע „יופיטערס" האט די טעג אנגעשריבען ניט מעהר און ניט וויינינער, ווי אזא טיראדע:

„מיר, קינסטלער, קאנען זיך ניט פאר־לאזען אויף דעם פערשטאנד און דעם גע־שמאק פון קריטיקער... ווער קאן אונז גאראנטירען, אז ער שאצט אפ ריכטיג?... אלא וואס דען? מיר קאנען זיך פארלא־זען בלויז אויף דעם אויטאריטעט פון א גרויסען פאעט. אויב ער זאגט: „גוט", איז גוט, און אויב „ניט", איז ניט... קומט א נייער פאעט, א אויסטערלישער, זאגען איינינע אויף איהם: „גראפאמאן", און אנדערע האלטען איהם פאר א וועלט־זשעניע, איז קיין אנדער עצה ניטא, ווי צו פרעגען וועגען איהם... ביי מעטער־לינקען, ביי קנוט האמסונען אדער ביי שאול טשערניכאווסקי'ן, קיין אנדער קרי־טעריע איז ניטא".

ווילט זיך אויף דעם מאכען דריי בא־מערקונגען.

ערשטענס, אויב פאעטען און קינסט־לער שרייבען נאר פאר איינציגע, אויס־דערוועהלטע, פאר א קארגען „מנין" זשעניעס, צי לוינט דען צו באנוצען זיך מיט גוטענבערג'ס ערפינדונג און דרוקען די שאפונגען אין טויזענדער עקזעמפלארען אדער מעהר? וואלט ניט געווען פראק־טישער (און אפשר אויך „פאעטישער") צו לאזען איבערשרייבען א צעהן קאפיעס און צושיקען צו די חברים־זשעניעס?

צווייטענס, זיינען דאך סיי מעטער־לינג, סיי קנוט האמסון, סיי שאול טשער־ניכאווסקי, געווארען בארימט אין דער וועלט... דורך די קריטיקער. ווען ניט די קריטיקער, וואלטען דאך די אלע זשע־ניאלע קינסטלער ניט אנערקענט געווא־רען אויף צו ווערען אויטאריטעטען...

און דריטענס — מוז געזאגט ווערען דער אמת, אז די פאעטען און די קינסט־לער אליין זיינען ניט אין שטאנד אפצו־שאצען דאס שאפען פון זייערע חברים.

טהעארעטיש דארף זיין, אז דער פאעט מיט זיין פיינעם געפיהל זאל קאנען פיהלען די נשמה פון א חבר־פאעט, אז דער קינסטלער מיט זיין אפענער אויג זאל קאנען דערזעהן די שעהנקייט פון זיין חבר'ס שאפונג.

אין דער פראקטיק אבער איז די זאך ווייט ניט אזוי.

שוין ניט רעדענדיג דערפון, וואס אין דער וועלט פון פאעטען און קינסטלער (עס איז פאר קיינעם קיין סוד נישט) הערשט קנאה און שנאה אין אזא גרויסער מאס, אז איינער באמערקט און שטרייכט אונטער בלויז די פעהלערן, די שוואכע זייטען, די קלייניגקייט פון זיין חבר, אבער פאר קיין [illegible] ניט די מעלות, די שטארקע זייטען, די גרויסקייט פון א קא־לעגע — דוכט מיר, אז אפילו די יעניגע פאעטען און קינסטלער, וועלכע האבען א איידעלע נשמה און ווערען ניט פארנאלט פון די קנאה־שנאה געפיהלען, זיינען פשוט ניט אין שטאנד צו פערטיפען זיך און דורכדרינגען זיך מיט דער שאפונג פון א צווייטען.

געוועהנליך זאגט מען, אז געלעהרטע ספעציאליסטען אויף וועלכען ניט־איז בע־שטימטען וויסענשאפטליכען געביט זיינען בעגרענעצט אין אלעס, וואס בעלאנגט צו אנדערע וויסענשאפטען.

מיר שיינט, אז דאסועלבע, אין א גע־וויסער מאס, קאן אנגעווענדט ווערען אויך אויף פאעטען און קינסטלער. וואס מעהר ווירטואז א קינסטלער איז, וואס טיפער זיין נשמה ליגט אין די פארמען, וואס ער האט ערררייכט אין זיין קונסט, אלץ וועני־גער איז ער פעהיג אפצושאצען אן אנדער מין קונסט, וועלכע איז ניט ענהליך (אדער גאר אין גאנצען) צו ז י י נ ע ר.

אין דיזער הינזיכט שטעהט העכער פאר איהם דער קונסט־קריטיקער, וועל־כער קאן זיין אביעקטיווער, ברייט־זעהענ־דיגער, ווייל ער איז ניט בעגרעניצט דורך זיין אייגענער שאפונג.

נאר אין גרונד גענומען, איז דער קונסט־קריטיקער כלל ניט קיין פרעמדער אין דער משפחה פון קינסטלער. ער איז א קינסטלער, וואס פארנעהמט זיך ניט מיט פראקטיק, אזוי ווי עס זיינען פאראן דאקטוירים, וואס פראקטיצירען ניט, אבער זיי ווידמען זייער וויסען דער מע־דיצינישער פארשונג.

איהר וועט מיר זאגען: עס זיינען פאראן פיל קונסט־קריטיקער, וועלכע זיי־נען פלאפלערס און האבען קיין שום פער־שטאנד ניט פאר קונסט־פראגען.

נאר אזעלכע „ניט בארופענע", וואס האבען קיין שייכות ניט צו קונסט, וועט איהר געפינען ניט ווייניג אויך צווישען קינסטלער גופא...

קונסט סקאלערשיפ פאר ארבייטער

פון פאניא מ. קאהן

די וואירקערס עדיוקיישאן באוועגונג האט איצט אויך באטראטען דעם פעלד פון קונסט. דורך דער „וואירקערס קונסט־סקאלערשיפ" האבען די ארבייטער זיך באראייניגט מיט דער קונסט שוהל פון עדיוקיישאנאל עלייענס, צו באזארגען 2 טאלאנטפולע, יונגע קינסטלער, זיי זאלען קאנען פארטזעצען זייער קינסטלערישען שטודיום אין אויסלאנד. דעם 22טען מאי, אויף דער ערעפענונג פון דער יעהרליכער אויסשטעלונג פון דער קונסט שוהל פון עדיוקיישאנאל עלייענס, אין דער אנווע־זענהייט פון דער באארד טראסטים פון דער עדיוקיישאנאל אליינס, פארטרעטער פון דער ארבייטער־באוועגונג, שול־סטו־דענטען און זייערע פריינד, זיינען אויסגע־טיילט געווארען צוויי סקאלערשיפס צו 1500 דאלאר יעדע, צו מיס דינה מעלי־קאוו, א פארשפרעכענדע סקולפטארין, און צו מאזעס סאיער, א טאלאנטפולען מא־לער, זיי זאלען פאהרען שטודירען אין אייראפע. דיזע צוויי סטודענטען האבען ארויסגעוויזען די גרעסטע פעהיגקייטען און פאטענץ.

דאס גרינדען פון אזא „ארבייטער־קונסט־סקאלערשיפ" איז שוין פון לאנג געווען דער טריום פון מר. אבא אסטראווסקי, דער דירעקטאר פון דע־עדיוקיישאנאל אלייענס קונסט־שול און אליין א בארימטער קינסטלער. מיט א יאהר צוריק האט ער געגרינדעט די „אר־בייטער קונסט סקאלערשיפ קאמיטע" אויף דורכצופיהרען זיין טרוים. די אינ־טערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, די אמאלגאמייטעד, די קעפמיי־קערס יוניאן, די אידישע אקטארען יו־ניאן, די פענסי לעדערגודס וואירקערס יו־ניאן, דער ארבייטער רינג, די פאראייניג־טע אידישע געווערקשאפטען און דער „פארווערטס" האבען צוזאמענגעשטעלט די קאמיטע. די ארבייט איז געטאן גע־ווארען דורך דער עקזעקוטיוו באארד, וואס באשטעהט פון פ. גליבטער אלס סעקרע־טאר, אברהם באראף, סעקרעטאר־טרע־זשורער פון דער אינטערנעשאנאל, י. שלאסבערג, סעקרעטאר־טרעזשורער פון דער אמאלגאמייטעד, י. באסקין, סעקרע־טאר פון ארבייטער רינג, מאקס פיין פון „פארווערטס", פאניא מ. קאהן און אבא אסטראווסקי, דער סעקרעטאר פון דער קונסט־שול פון דער עדיוקיישאנאל אליי־ענס. דיזע ארגאניזאציע, צוזאמען מיט דער שריפטזעצער־יוניאן, לאקאל 83, און דעם י. ל. פרץ שרייבער פאראיין, האבען געגעבען 1500 דאלאר פאר איין סקאלער־שיפ. דער צווייטער סקאלערשיפ איז בא־זארגט געווארען פון די טראסטים פון דער עדיוקיישאנאל אלייענס.

די סטודענטען, וואס האבען באקומען די סקאלערשיפס און פאקטיש דער גאנ־צער קלאס האבען שטארק אנערקענט דעם אינטערעס, וואס די ארבייטער־באוועגונג נעהמט אין זייער ארבייט, און די פאר־טרעטער פון די יוניאנס, וואס זיינען גע־ווען ביי יענער ערעפענונג, האבען אויסגע־דריקט זייער גלויבען אין דער מעגליכ־קייט פון אן ארבייטער־קונסט.

די רעדנער האבען שטארק געלויבט די קונסט־שול, וועלכע גיט די קינדער פון דער איסט־סייד די מעגליכקייט צו אנט־וויקלען זייערע קינסטלערישע פעהיגקייטען און זיי האבען צוגעזאגט זייער מיטהילף ביים פארטזעצען דעם ארבייטער־קונסט־סקאלערשיפ. זיי האבען אנגעוויזען, אז די ארבייטער־באוועגונג איז שוין מעהר ניט אנגעוויזען בלויז אויף די עקאנאמישע אינטערעסען פון די ארבייטער, נאר זי פארצווייגט זיך און ווערט פאראינטערע־סירט אין יעדען סארט געזעלשאפטלי־כע טעטיגקייט און שאפונג, איינשליסענ־דיג אויך די קונסט. זיי האבען אויסגע־שפראכען דעם גלויבען, אז די ארבייטער־קונסט־סקאלערשיפ־קאמיטע דארף זיין א טייל פון דער וואירקערס עדיוקיישאנאל־באוועגונג. זיי האבען געזאגט, אז „די ארבייטער, וועלכע שטרעבען צו א בעסע־רער געזעלשאפטליכער ארדנונג, זיינען איבערצייגט, אז די קונסט, אזוי ווי די וויסענשאפט, קען זיי א סך העלפען אין דערגרייכען דיזען ציל." און זיי האבען אויסגעדריקט זייער האפנונג און וואונש, אז אין דער נאהענטער צוקונפט וועט די קונסט ניט זיין בלויז א לוקסוס־זאך פאר די רייכע, און איר פלאץ וועט ניט זיין מער אין די קונסט־גאלעריעס און אין די פאלאצען פון די רייכע, נאר אונזערע קינסטלער וועלען אנטוויקלען אין די אר־בייטער א געפיהל און געשמאק צו אנער־קענען דאס שעהנע אין דער קונסט און עס אריינברענגען אין די הייזער און אין די גאסען, וואו די ארבייטער לעבען.

אבא אסטראווסקי, דער קינסטלער, האט ביי דער געלעגענהייט געהאלטען א באגייסטערענדע רעדע. ער האט די צוויי גליקליכע סטודענטען געזאגט, אז זיי זיי־נען צו דער קאמיטע מיט גארניט פאר־פליכטעט; זיי זיינען פריי צו דענקען זעלבסטשטענדיג און דארפען זיין בלויז אויפריכטיג און טריי צו זיך אליין און צו דער קונסט.

די צוויי סטודענטען זיינען פון א גאנ־צען קלאס אויסגעקליבען געווארען דורך ראבערט עטקענס, אינסטרוקטאר און סקולפטאר פון דער נעשאנאל אקאדעמי אוו דעזיין; וויליאם אווערבאך ליווי, אינסטרוקטאר אין עטשינג פון דער נע־שאנאל אקאדעמי אוו דעזיין, און דזשע־ראם מייערס, מאלער. אלע דריי זיינען פראמינענטע אמעריקאנער קינסטלער.

מיס מעליקאוו און מר. סאיער, די צוויי סטודענטען, וועלען אינגיכען אפפאהרען נאך אייראפע, פיהרענדיג מיט זיך רעקא־מענדאציאנס־בריף צו בארימטע ארביי־טער־פיהרער אין אייראפע.

דער ארט־סקאלערשיפ צייכענט אן דעם אנפאנג פון א נייער פאזע אין דער באווע־גונג פאר ארבייטער־בילדונג. דורך דער פארשידענארטיגער אקטיוויטעט פון די יוניאנס שענקען די ארבייטער פיל אויפ־

(שלוס אויף זייט 10)

ענטפערס פון רעדאקציע

קאמיטע פון סטרייקער. — מיר קאנען ניט דרוקען אייער רעזאלוציע, ווייל מיר קא־נען בשום אופן ניט פארשטעהן, וואס דארט טוט זיך. אלץ, וואס מיר קאנען ארויסנעה־מען, איז, אז עמיצער האט געגעבען 3000 דאלאר בייל פאר ארעסטירטע פיקעטס אין נוי־הייווען און איהר ווילט דאנקען דעם, וואס האט געגעבען די בייל. אבער ווער האט גע־געבען די בייל און וועמען ווילט איהר דאנ־קען? — דאס איז אומפארשטענדליך.

נייטהען קאנטאר, לאקאל 2. — איהר וועט דארפען אביסעל ווארטען, ביז מיר וועלען אייך געבען א ריכטיגען ענטפער. אלע זאכען, וואס מיר קריגען איצט ארייין פון דעם סארט, מוזען מיר דערוויל אפלייגען אן א זייט פאר א גראמערערע צייט.

מ. ל. — עס איז ווייט ניט אזוי, ווי איהר מיינט. אין דער צייט, ווען מיר האבען בא־קומען דאס לעצטע ארטיקעל אייערס, האבען מיר געהאט אויפ'ן האנט בלויז איין ארטיקעל. דריי זיינען שוין דאמאלס געווען אפגעדרוקט. איצט ווייסט איהר עס שוין מסתמא אליין, אויב איהר האט באקומען רעגעלמעסיג אונ־זער צייטונג. נאך איין ארטיקעל ווערט גע־דרוקט אין דעם נומער. און דער סך הכל איז, אז ווען מיר שרייבען דיזע שורות האבען מיר ביי אונז בלויז איין ארטיקעל אייערס צו פארעפענטליכען. עס איז יעדענפאלס בעסער מיר זאלען האבען ביי אונז איינעם אדער צוויי ארטיקלען אין „סטאק", איידער מיר זא־לען דארפען ווארטען אויף זיי די לעצטע מינוט.

אב. קרייטער, לאקאל 22. — מיר פאר־עפענטליכען אייער בריף מיט'ן פארשלאג צו די מיטגלידער פון לאקאל 22, כדי די גרויסע מעמבערשיפ פון אייער לאק. זאל זיך באקענען מיט'ן פארשלאג, און אפשר וועלען נאך אנ־דערע אויך האבען עפעס צו זאגען אין דער פראגע. אייער פארשלאג שיינט צו זיין א גאנץ פראקטישער אונטער די איצטיגע אומ־שטענדען, און די פראגע דארף אויפגענומען ווערען אויף די משערטען און מעמבער־מי־טינגען פון אייער לאקאל. עס איז קיין פראגע ניט, דאס א גרעסערע צאל מיטגלידער פון לאקאל 22 דארפען זיך אקטיוו באטייליגען אין דעם לעבען פון דער יוניאן. עס זאל ניט זיין, ווי איהר שילדערט עס, אז ווען מען מאכט אן אפיל, רופט זיך אלעמאל אן די זעל־בע קליינע צאל אקטיווע טוער און די גרויסע מאסע בלייבט גלייכגילטיג. אזא צושטאנד איז זיכער ניט קיין גוטער. און ווער קאן עס האבען געגען דעם, אז דער דרעסמאכער־טרייד זאל איינמאל פאר אלעמאל ארגאניזירט ווערען 100 פראצענט, אזוי ווי דער קלאוק־טרייד? זאלען זיך אלע נעמען צו דער ארבייט!

ה. לעווין, מעמבער לאקאל 2. — מיר וואל־טען אייך ראטען צוזוגעהן אין אפיס פון אינשורענס־פאנד און זיך דורכרעדען מיט מר. מאריס קאלטשין. ער וועט אייך זיכער געבען דעם בעסטען ענטפער, צי איהר זייט יא בארעכטיגט צו אינשורענס אדער ניט.

מ. שאר, לאקאל 2. — יעדע אינדוסטריע איז מחויב צו געבען איהרע ארבייטער גע־נוג באשעפטיגונג צו קאנען מאכען אן אנ־שטענדיגען לעבען, און באזונדערס איז עס מחויב צו מאן אן אינדוסטריע, וואס דארף קוואליפיצירטע ארבייטער. אויב דאס איז ניט דער פאל, איז עס א סימן, אז די אינדוסטריע איז ניט אין קיין נארמאלען צושטאנד. די הויפט־פאדערונגען, וואס די יוניאן האט איצט ארויסגעשטעלט און פאר וועלכע די קלאוק־מאכער זיינען ארויס אין קאמף — א 40־שטונדיגע ארבייטס־וואך, „טיים־גאראנטי" און „לימיטיישאן" פון קאנטראקטארס — בא־צוועקען איינצושטעלען אין דער קלאוק־אינ־דוסטריע אזא צושטאנד, אז די ארבייט אין אלע שעפער פון דער קלאוק־אינדוסטריע זאל בעסער רעגולירט ווערען, אז אלע ארבייטער, וואס זי דארף און מוז באשעפטיגען, זאלען קאנען מאכען א לעבען, צו וואס זיי זיינען פולשטענדיג בארעכטיגט. מיר גלויבען ניט, אז אין דער קלאוק־אינדוסטריע איינען דא, ווי איהר מיינט, „צופיל ארבייטער". מיר ווייסען, אז ווען דער ריכטיגער סעזאן קומט אן, זוכט מען קלאוקמאכער. מאנכע באלעבאטים זיינען אפילו גרייט צו געבען קאמישאן, ווער עס שטעלט זיי צו ארבייטער, וואס זיי דארפען. די נייע פאדערונגען, פאר וועלכע די קלאוק־מאכער קעמפען איצט, וועלען איינשטעלען מעהר ארדנונג, אז אלע קלאוקמאכער זאלען זיין מעהר געזיכערט מיט'ן שטיקעל פרנסה דורך זייער שווערער ארבייט.

בן־גרשון. — דאס „ליד" „צו די קלאוק־מאכער דעמאנסטראנטען" האט אין זיך גאר ניט וואס זאל ווערט זיין געדרוקט צו ווערען. עס האט ניט קיין קלאנג און קיין געזאנג. כאטש איהר האט עס גייזאלט צופאסען צו דעם ניגון פון וועלכען מען זינגט עדעלשטאט: „מיר ברעכען". ס'איז גאר נישט געראטען.

דער קאמף אין מעקסיקא געגען דער קאטוילישער קירך

פון פ. צ.

אונזערע לעזער ווייסען שוין ווענען דעם שארפען קאמף, וואס די מעקסיקאנישע ארבייטער רעגירונג האט אנגעהויבען, צונעהמענדיג ביי דער קירכע איהרע אלע וועלטליכע פונקציעס.

דער דאזיגער קאמף האט ארויסגערופען א שטורם אין דער גאנצער קאטוילישער וועלט. דער דאזיגער שטורם ווערט איינענטליך געפיהרט אונטער דער לאזונג פון... טאלעראנץ. דער קלעריקאל באפט זיך אן אין היילינען פרינציפ פון טאלעראנץ און רופט די גאנצע „קולטורעלע וועלט" צו פראטעסטירען געגען דער „אומטאלעראנטער" האנדלונג פון דער מעקסיקאנישער ארבייטער רעגירונג.

עס וועט דעריבער זיין אינטערעסאנט זיך צו באקאנען אביסעל מיט דער געשיכטע פון דער קאטוילישער קירכע אין מעקסיקא און מיט דער ראל, וואס זי האט געשפילט אין לעבען פון דעם מעקסיקאנישען פאלק.

די קאטוילישע קירכע האט ארום 400 יאהר צייט געהערשט אין מעקסיקא. האט דיקטירט די פאליטיק, איז געווען די איינציגע דערציהערין פון קינדער דורך איהר פולשטענדיגע קאנטראל איבער אלע שולען און האט אנגערויבט פאר זיך א ריזיגען פארמעגען.

אין יאהר 1857 האט די קאטוילישע קירכע געהאט אין איהר האנט א דריטעל פון דעם גאנצען רייכטום פון לאנד. די קירכע האט אין די אלע יאהרען פון איהר איבערהערשאפט אין מעקסיקא געהאלטען די באפעלקערונג פארשקלאפט. די שולען וואו די קאטוילישע גלחים, מאנאכען, נאנעס און זייערע שמשים זיינען געווען די איינציגע לעהרער, האבען אזוי פיל אויסגעטאן פאר דער בילדונג פון פאלק, אז ווען דער מעקסיקאנישער פרעזידענט כוארעז האט אין יאהר 1857 אנגענומען די ערשטע שריט צו באגרענעצען די מאכט פון דער קירכע, האבען מעהר ווי 90 פון יעדע הונדערט מעקסיקאנער אפילו נישט געקענט לייענען און שרייבען. אנשטאט צו געבען דעם פאלק בילדונג, האבען די גלחים, מאנאכען און נאנעס פארפינסטערט די מוחות מיט אלערליי ווילדע אבערגלויבענס; האבען דורך זייער קאנטראל איבער דעם עקאנאמישען און פאליטישען לעבען געהאלטען די מאסען פארשקלאפט און האבען מיט אלע ברוטאלע יעזואיטישע מיטלען טעראריזירט יעדען איינעם, וואס האט ארויסגעוויזען א פרייהייטליכען גייסט. הונדערטער יאהרען האבען די קאטוילישע גלחים אונטערדריקט נישט נאר דעם פרייען געדאנק, נאר אויך אלע אנדערע רעליגיעס אין מעקסיקא. די שפאנישע אינקוויזיציע האט געהאט א טיכטיגע אפטיילונג אין מעקסיקא. דעם 11טען אפריל פון יאהר 1649 איז דער איד גבריאל דע גראנאדא פארברענט געווארען אין מעקסיקא פאר האלטען די אידישע רעליגיע. צוזאמען מיט גראנאדאן זיינען אין יענעם טאג נאך 107 אידען פארברענט געווארען אויפן שייטערהויפען אדער זיינען פארפייניגט געווארען צום טויט דורך אנדערע ברוטאלע מיטלען.

זייער איינציגער פארברעכען איז באשטאנען אין דעם, וואס זיי זיינען געווען אידען.

פאר אזעלכע פארברעכענס האט די קאטוילישע קירכע פון מעקסיקא פארפאלגט און אויפ'ן פייער פארברענט אידען אויך אין יאהר 1656 און שפעטער.

ווען מעקסיקא האט זיך באפרייט פון דעם שפאנישען יאך און האט, דעם 6טען נאוועמבער 1813 — בלויז מיט קנאפע 113 יאהר צוריק — ארויסגעגעבען איהר איינענע אומאפהענגיגקייטס - דערקלערונג, האט נאך די קאטוילישע קירכע געפיהרט די ממשלה אין מעקסיקא. און אט וואס פאר א טאלעראנץ די קאטוילישע קירכע האט אריינגעשריבען אין דער אומאפהענגיגקייטס-דעקלאראציע:

„דער קאנגרעס דערקלערט פייערליך, אין דער אנוועזענהייט פון גאט, אונזער הערשער, אז ער (דער קאנגרעס) האלט נישט און אנערקענט נישט קיין אנדער רעליגיע חוץ די קאטוילישע און אז ער וועט נישט דערלויבען אדער דולדען קיין אנדער רעליגיע, סיי עפענטליך סיי אין געהיים".

די ערשטע מעקסיקאנער קאנסטיטוציע, וועלכע איז דאטירט דעם 22טען אקטאבער, 1814, הויבט זיך אן מיט די ווערטער: „די רוימיש-קאטוילישע רעליגיע איז די איינציגע רעליגיע, וואס דארף הערשען אין לאנד".

דאס זיינען די ביישפילען פון דער טאלעראנץ פון דער קאטוילישער קירכע, וועלכע פראטעסטירט געגען דער נייער מעקסיקאנישער קאנסטיטוציע און טומעלט איבער דער גאנצער וועלט, אז די ראדיקאלע רעגירונג פון מעקסיקא איז נישט טאלעראנט צו רעליגיע, פארפאלגט רעליגיע א. א. וו.

דער אמעריקאנער שרייבער און פארשער קארלטאן ביעלס דערצעהלט אין זיין בוך וועגען מעקסיקא:

„די קירכע האט גענומען אלץ, וואס איז נאר מעגליך געווען, אז דער מעקסיקאנער זאל בלייבען אומוויסענד, פארגרעבט און עקאנאמיש פארשקלאפט. די קירכע האט זיך געשטעלט געגען פרויען-רעכט און געגען ארבייטער-ארגאניזאציעס".

פראפעסאר עדווארד א. ראסס, פון וויסקאנסינער אוניווערזיטעט, וועלכער האט אין יאהר 1922 פארבראכט א היבשע צייט אין מעקסיקא, און האט דערנאך אנגעשריבען א בוך „די סאציאלע רעוואלוציע פון מעקסיקא", שרייבט דארט וועגען דער מעקסיקאנער קאטוילישער קירכע:

„נישט נאר וואס די גלחים זיינען געגאנגען האנט ביי האנט מיט די רייכע פלאנטאטארס, נאר איינינע פון זיי שטאמען פון די זעלביגע פאמיליעס. די גייסטליכע האבען געפיהרט די פארשקלאפטע ערד-ארבייטער אויפ'ן שטריקעל, האבען זיי געהאלטען אין אומוויסענהייט, האבען זיי געלערענט צו זיין אונטערטעניג און האבען אנגעפילט זייערע קעפ מיט די לעכערליכסטע בעגריפען וועגען רעליגיע און וועגען רעספעקטירען דעם באלעבאס".

דער זעלבער פראפעסאר באשטעטיגט אויך, אז די גלחים האבען מיט אלע זייערע כוחות בעקעמפט דעם געזעץ וועגען אגרער-רעפארם.

נאך אין יאהר 1856 האט דער דעמאלטיגער מעקסיקאנער פרעזידענט כוארעז איינגעזעהן, וואס פאר א שרעקליכע אנשיקעניש עס איז די מאכט פון דער קירכע איבער דעם לאנד. ער האט ארויסגעגעבען א באפעהל, אז עס זאל אפגענומען ווערען דאס גרויסע רייכטום, וואס די קירכע האט אנגערויבט. מיט א יאהר פריהער זיינען שוין געווען אפגעשאפט די ספעציעלע פריווילעגיעס, וואס די גלחים האבען געהאט אין מעקסיקא. ביז דאן זיינען די גלחים אין מעקסיקא איבערהויפט געווען איבער און אויסער יעדען געזעץ. זיי האבען געקאנט באגיין די גרעסטע פארברעכענס, און קיינער האט זיי גאר נישט געקאנט טאן. די גלחים האבען זיך דאן פאראייניגט מיט רייכע לאנד-באזיצער און האבען אנגעהויבען א רעליגיעזען בירגער-קריג, וואס האט אנגעהאלטען דריי יאהר צייט. דאס איז געווען דער בלוטיגסטער בירגער-קריג אין דער מעקסיקאנישער געשיכטע. פון איין זייט זיינען געווען די גלחים און דער קלאס פון די רייכע, און פון דער צווייטער זייט זיינען געווען די ארימע קלאסען, וועלכע האבען שוין דאן אנגעהויבען איינזעהן, אז די קירכע איז זייער געפעהרליכסטער שונא.

אינטערעסאנט איז דער פאקט, וואס איינינע פון די שטרענגסטע געזעצען וועגען רעליגיע, וואס ווערען איצט איינגעפיהרט אין לעבען, איז אנגענומען געווארען אין די 60-ער יאהרען פון פאריגען יאהר-הונדערט. די געזעצען זיינען אבער נישט דורכגעפיהרט געווארען. פון דער צייט, ווען דער דיקטאטאר פארפיריא דיאז האט געהערשט איבער מעקסיקא, האבען די גלחים ווידער געהאט א פרייע האנט, און דאס איז געווען נישט א האנט, נאר א לאפע, וואס האט גערויבט און געשטיקט, געזייט אומוויסענהייט, פינסטערען אבערגלויבען און אונטערטעניגקייט צו די אונטערדריקער.

אין יאהר 1917 ווען עס איז אויסגעארבייט געווארען די נייע מעקסיקאנישע קאנסטיטוציע זיינען אין דער קאנסטיטוציע אריינגענומען געווארען א רייהע פונקטען צו באשיצען דאס לאנד פון די גלחים און פון דער קירכע-הערשאפט. אויפ'ן גרונד פון די דאזיגע פונקטען פון דער קאנסטיטוציע זיינען אנגענומען געווארען די איצטיגע שטרענגע געזעצען וועגען רעליגיע.

די וויכטיגסטע פון די פונקטען זיינען פאלגענדיגע:

אלע מאנאסטירען ווערען אפגעשאפט, און קיינער טאר נישט ווערען קיין מאנאך אדער נאנע, פונקט ווי קיינער טאר זיך נישט פארקויפען פאר א שקלאף.

א גלח טאר נישט טראגען זיינע גלח'ישע קליידער אין גאס, אדער אין וועלכען עס איז אנדערען פלאץ, אויסער אין קלויסטער.

רעליגיעזע צערעמאניעס טארען נישט געפראוועט ווערען אין גאס אדער אין וועלכען עס איז אנדערען פלאץ, אויסער ביי זיך אין דער היים אדער אין קלויסטער.

אין פריוואטע שולען, אזוי גוט ווי אין רעגירונגס-שולען פאר מינדעריעהריגע, טאר מען נישט לערנען קיין רעליגיע.

יעדער איינער איז פריי אנצונעמען און האלטען וועלכע רעליגיע ער וויל.

דער פרעזידענט פון דער רעפובליק טאר נישט זיין קיין גלח.

א גלח האט נישט קיין שטים-רעכט, טאר זיך נים מישען אין פאליטיק און קאן נישט געוועהלט ווערען פאר א מיטגליד פון פארלאמענט.

יעדער רעליגיע-פלאץ (ווי א קלויסטער א. ד. גל.) מוז שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון א ספעציעלען רעגירונגס-אויפזעהער, וועלכער איז פאראנטווארטליך דערפאר, אז מען זאל דארט נישט עובר זיין אויף די געזעצען פון לאנד.

א צייטונג אדער א זשורנאל, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון א רעליגיעזער קערפערשאפט, אדער איז פון א רעליגיעזער ריכטונג, טאר נים שרייבען וועגען פאליטישע פראגען.

א גלח קאן נישט ירשנ'ען דאס אייגענטום פון א צווייטען גלח, אדער פון וועלכער עס איז רעליגיעזער קערפערשאפט און אויך נישט פון פריוואטע פערזאנען, סיידען פון גאר נאהענטע קרובים.

א פאליטישע ארגאניזאציע טאר נישט האבען אין איהר נאמען קיין ווארט אדער ווערטער, וואס זיינען אן אנדייטונג אויף רעליגיע.

אין קלויסטערס א. ד. גל., טארען נישט אפגעהאלטען ווערען קיין פאליטישע מיטינגען.

די קירכע טאר נישט האבען קיין אייגענטום אויסער דעם אייגענטום וואס זי דארף פאר רעליגיעזע צוועקען. (דאס הייסט, אז דאס ריזיגע רייכטום, אין ערד, הייזער און אנדערע גיטער, וואס די קאטוילישע קירכע אין מעקסיקא פארמאגט, ווערט ביי איהר אפגענומען).

בלויז אזעלכער, וועלכער איז געבוירען געווארען אין מעקסיקא, מעג זיין א גייסטליכער פון א וועלכער עס איז רעליגיע אין לאנד.

אט די אלע אויסגערעכענטע פונקטען זיינען א טייל פון דער מעקסיקאנער קאנסטיטוציע. די געזעצען, וואס זיינען איצט אריין אין קראפט, אנטהאלטען אויך די אלע פונקטען.

לויט דער נייער מעקסיקאנישער קאנסטיטוציע, איז אן אנגעקלאגטער פאר איבערטרעטען א רעליגיע-געזעץ נישט בארעכטיגט צו א געריכט פון געשוואוירענע.

דער פונקט, וועלכער פארבאט אן איינגעוואנדערטען פון אן אנדער לאנד צו ווערען א גייסטליכער, איז נישט מעהר ווי א באוואורעניש, אז דער פאפסט זאל נישט קאנען שיקען זיינע אגענטען צו אינטריגירען קעגען די מעקסיקאנער רעגירונג. מעקסיקא האט זיך שוין גענוג אנגעליטען פון אלערליי אויסלענדישע אינטריגאנטען.

אינטערעסאנט וועט זיין צוצוגעבען,

(שלוס אויף זייט 10)

א געוועזענער

(פעליעטאן)

פון ז. וויהילער

לעצטען דינסטאג האט מען אין פעדעראל קאורט, פון ניו יארק, פאר ריכטער מעק און א דזשורי, געבראכט איינעם אן אנגעקלאגטען, אויף דער באשולדיגונג, אז ער האט זיך באטייליגט אין א קאנספיראציע צו באשווינדלען די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען אויף דער סומע פון אזעלכע 7 מיליאן דאלאר.

קיין גרויסע איבעראשענדע נייעס איז עס, פארשטעהט זיך, נים. א נאווינע אין אמעריקא, אז מען באשווינדעלט די רעגירונג! פון א זיבען מיליאן דאלארדיגען שווינדעל מאכט מען שוין גאר אפילו קיין ציטעס נים. מיר האבען שוין געהערט פון הונדערטע מיליאנענדיגע שווינדלען, און מיר זיינען פון זיי נים נתפעל געווארען.

טא וואס-זשע איז עס פאר א נייעס אין דעם איצטיגען פאל? די נייעס איז, וואס דער איצטיגער אנגעקלאגטער איז מר. הערי מ. דאהערטי.

דאהערטי? — פרעגט מען, — ווער איז עס דאהערטי, וואס מען זאל וועגען איהם מאכען א באזונדערען משפט?

ווער אין דעם גאנצען לאנד געדענקט נים, אז ערשט מיט א פאר יאר צוריק האט אט דער דאהערטי געפיהרט די גאנצע גרענדע ביי אונז אין לאנד? ער האט, ווי ער אליין טענה'ט, געמאכט קולידזש'ן פאר פרעזידענט. ער האט געהאלטען גאנץ אמעריקא פארפאקט אין זיין קעשענע. ער האט זיך געמאכט פאר דעם יוסטיץ מיניסטער, פאר אטוירני דזשענעראל, פון אונזער גרויסער מדינה, און געמאכט זיין אפיס די היים פון אלע שווינדלער, כאבארניקעס און גרויס בוטלעגערס. ער האט גענומען אלץ וואס ער האט געקענט צו ראטעווען אמעריקע פון ראדיקאליזם און אונז געמאכט צו שפאט איבער דער גאנצער וועלט. דאהערטי? ווער געדענקט עס נים דאהערטי'ן.

איצטער שטעהט ער, אונזער געוועזענער מיניסטער, אין קאורט און ווערט גע'משפט ווי א פשוט'ער שווינדלער.

און אויב דזשאדזש מעק וועט איהם פארשיקען אין דזשייל, וועט עס נים זיין קיינעמ'ס שולד, נאר זיינע, דאהערטי'ס, אליין. ווארום ווען דאהערטי זאל נים געוועלט זיין קיין גרויסער חכם ווען ער איז געווען מיניסטער, וואלט ער איצט געקענט ארומגעהן מיט די הענט אין די קעשענעס און לאכען פון דער גאנצער וועלט. נאר אזוי ווי ער האט געוואלט זיין א חכם, וועט ער איצט מוזען ליידען פון זיין אייגענער חכמה.

די מעשה איז אזוי געווען. ווען דאהערטי איז געווען יוסטיץ מיניסטער, ד. ה. אטוירני דזשענעראל, האט ער עס געדארפט אנקלאגען אלע שווינדלער, וואס האבען בארויבט אמעריקא אויף ביליאנען דאלארס אין דער צייט פון דער מלחמה. נאר געה קלאג אן איינענע גוטע ברידער. און דא האט ער נאך געהאלטען אליין אין דורכפירען א גרויסען שווינדעל מיט א דייטשער מעטאל קאמפאני דורך וועלכען ער האט געכאפט פאר מעקלעריי ארויס 391,000 דאלאר.

וואס זשע טהוט מען? פון אלע זייטען שרייט מען געוואלד פאר וואס די שווינדלער געהען ארום פראנק און פריי און מען משפט'ט זיי נים. דערצו איז נאך דא א געזעץ, אז נאך דריי יאהר פון דעם שווינדעל קאן מען זיי שוין אין גאנצען נים אנקלאגען. מוז מען דאך וואס גיכער כאפען די שווינדלער און זיי אנקלאגען, ווארים, אט, אט, און עס ענדיגען זיך די דריי יאהר.

און אנקלאגען קען מען דאך פארט נים; ווייל, ווי געזאגט, עס זיינען דאך איינענע מענשען, אייגענע גוטע ברידער.

פאלט דאהערטי אויף אן עצה. ער קומט אין קאנגרעס און פארלאנגט, אז מען זאל ענדערען דאס געזעץ וועגען די דריי יאהר באגרענעצונג. מען זאל איהם געבען א געזעץ פון זעקס יאהר. דאס הייסט, אז ביז זעקס יאהר נאכ'ן שווינדעל זאל מען מעגען אנקלאגען. געמיינט האט ער, אז עס וועלען אוועקגעהן נאך דריי יאהר, וועט מען ענטוועדער שוין פארגעסען אן דער גאנצער געשיכטע, אדער ער וועט אפשר ביז דאן שוין אליין זיין פרעזידענט. ווער ווייסט וואס אין דריי יאהר ארום קאן פאסירען. דער עיקר מען זאל איהם איצט נים יאגען אין האלז און נאכען ער זאל אנקלאגען די שווינדלער.

האט דער קאנגרעס איהם באוויליגט זיין פארלאנג און געענדערט דאס געזעץ אויף זעקס יאהר. לאז זיין זעקס יאהר, אבי כאפ דאך אמאל די שווינדלער און ברייננ זיי צום משפט.

איצטער, אז מען קלאגט איהם אליין אן אין באשווינדלען די רעגירונג, קומט ער צוגעהן מיט דער טענה, אז עס איז דאך געווען א געזעץ, אז נאך דריי יאהר טאר מען שוין א שווינדלער נים משפטען, און אזוי ווי עס איז שוין געווארען דריי יאהר זינט ער האט אפגעטאן די שעהנע מעשים, וויל ער, אז מען זאל אין דעם זכות פון דעם אלטען געזעץ איהם איצט נים משפטען.

ענטפערט איהם דזשאדזש מעק, אמת, טאקע, עס איז געווען ביי אונז אזא געזעץ, אבער ווער האט דאס דאזיגע געזעץ דער'הרג'עט? עס איז דאך געווען דו, דאהערטי, אליין, וואס האט פארלאנגט, מען זאל דאס געזעץ פארלייננערען אויף זעקס יאהר; טא וואס מאכסטו זיך איצט תם'עווועטע און בעבעסט וועגען א „סטעטשוט אוו לימיטיישאנס" פון 3 יאהר!

הערט איהר, וואס א מענש טהוט זיך אליין וועט עס זיין גרעסטער שונא אים נים טאן. דאכט זיך געווען א מיניסטער, און דאך אפגעטאן אזא נארישקייט. גענומען און געמאכט געגען זיך אליין א געזעץ; זיך אליין אפגעשטיפט. אזא פארדראס!

קאאפעראציע צווישען ארבייטער און פארבריכער

(שלוס פון זייט 7)

דער ארבייט פון די „קאנסיומערס ליגס".

דער וועלט־קריג האט שטארק גע־שטערט דער באוועגונג אין די אייראפּיי־אישע לענדער, אין אמעריקע איז אבער די ארגאניזאציע געווען זעהר טעטיג פאר דעם קריג און אין צייט פון דער מלחמה. זי האט אין יאהר 1906 געווירקט אויף דעם יונייטעד סטייטס קאנגרעס אנצו־נעמען דעם „פיור פוד אקט", וועלכער דערלאזט ניט דעם האנדעל מיט געפעל־שטע שפייז פראדוקטען. אונטער איהר איינפלוס האט דער פאסטמאסטער־דזשענעראל אנגענומען מיטלען צו פאר־לייכטערן דעם גרויסען „ראש" פון פע־קעדזשעס און פארמיידען די בהלה אין די לעצטע טעג פאר קריסטמאס. צוויי וויכטיגע געזעלשאפטליכע ארגאניזאצי־עס זיינען ארויסגעקומען דורך דער אי־ניציאטיוו פון דער נאציאנאלער קאנסיו־מערס ליג — „די נעשאנאל טשיילד ליי־באר אסס'ן" און די „אסס'ן פאר לייבאר לעדזשיסליישאן". שפעטער האט די ליג געטריבען דעם לייבאר דעפארטמענט צו עפענען א באזונדערען צווייג — „די פעדעראל טשילדרען'ס ביוראָ", אום אויפצופאסען אויף די פאבריק געזעצען פאר קינדער ארבייטער און דורך אנדע־רע מיטלען באשיצען די קינדער פון דער ארימער באפעלקערונג. אין דער צייט פון דער מלחמה האט די ליג געשפּילט א גרויסע ראלע ביים קאנטראל איבער דער אויסארבייטונג פון די יוניפארמס פאר דער אמעריקאנער ארמעי.

אין יאהר 1918 האט די ליג געפונען פאר מעגליך אינגאנצן אויפצוגעבען איר „ווייסען לייבעל", ווייל אין א סך שטא־טען זיינען שוין איינגעפירט געווארען פאבריק געזעצען, וועלכע באשיצען די ארבייטער. נאך דעם ווי דער ניו יארקער „דזשאינט באארד או סאניטארי קאנט־ראל" האט מיט א קורצער צייט צוריק איינגעפירט דעם „פראטאקאל" לייבעל, איז נאטירליך אפגעפאלען די נויטיגקייט פון א „קאנסיומערס לייבעל" אין יענעם צווייג פון דער פראדוקציע, אין וועלכען די שוויץ סיסטעם האט פאר זיך אויס־געבויט דעם ערשטען און געפערליכסטען נעסט אין דער שניידער ארבייט, ביי דרעסעס און קלאוקס. מען דארף אבער שטענדיג געדענקען איין זעהר וויכטיגען כלל — אז דער יוניאן לייבעל קען נאר דעמאלט זיין אן ערפאלג, ווען ער שטיצט זיך אן אויף דער סימפאטיע און אונטערשטיצונג פון דעם עולם, דאס הייסט פון די קאנסומענטען.

פון אזא שטאנדפונקט איז די קאָ־אפעראציע צווישען ארבייטער און פאר־ברויכער אן אומגעהויער וויכטיגע און דערפרייענדע ערשיינונג אין דעם מא־דערנעם געזעלשאפטליכען לעבען. ווי גרויס די פארדינסטען פון דער אמערי־קאנער „קאנסיומערס ליג" זאלען שוין ניט זיין, האט זי נאך פאר זיך א גאנץ שיינע צוקונפט. מען קען האפען, אז די ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון דער בא־וועגונג וועט נאך קענען ברייגנען א סך נוצען די ארבייטער אין די שניידער־טריידס.

פרעסערס פון קלאוקס

מיר בעטען אייך איהר זאלט אויסשניידען דיזען אדווערטייזמענט און באהאלטען ביי אייך אין פאקעט, ווייל איהר וועט אונז דארפען האבען

מיר האבען געמופט
פון 123 פינפטע עוועניו, צו
321 פינפטע עוו.
ביי דער 32טער סטריט, 1טען פלאר.

מיר האבען אויפגעפיקסט עקסטרא סאניטארי ווייער ברעטלעך צו פרעסן; וועלוועט, פלאש און בעליווייע. מיר האבען אויך די בעסטע סטימערס אין מאר־קעט. פרוקענע סטים מיט א גאראנטיע אויף פינקינג מאשינס.

מיר לאדען איין אלע פרעסערס, דעזיי־נערס און באסעס צו קומען זעהן די נייע מאדעלס פון די ווייער ברעטלעך און סטימערס. אלע זיינען ווילקאמען!

די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני
321 פינפטע עוו., ניו יארק
טעלעפאן: אשלאנד 6650 און 6651.
קאונטרי ארדערס שנעל אטענדעט.

גליקשטיין'ס דעזיינינג סקול
265 גרענד סטריט, ניו יארק

בעט. קריסטי און פארסיטה סטס.
טעל. ארטשארד 8842
סקול פאר דעזיי־נינג, קאטינג און



גריידינג אין אלע פאכען פון לוידיס, מענס, טשילדרענס און פור גארמענטס. פעטערנס ווערען געשניטען צו מעסיגע פרייזען.
די סקול איז אפען א גאנץ יאהר

די יוניטי הויז
אין פארעסט פארק, פא.

וועט זיין אפען ביז'ן 20טען סעפטעמבער
ביז נאך ראש השנה און יום כפור

רעדזשיסטרירט זיך באלד אויב איהר ווילט ארויספארען.



קומט אלע און פארברענגט אן אנגענעמען וואקיישאן. אין דער יוניטי הויז האט איהר פון אלעם גוטען: גוטע, געשמאקע עסענס, צימערען מיט אלע שטאדטישע באקוועמליכ־קייטען איינגעטונקט אין בלומען און פלאנצען, וואס מען זעהט ניט אין ערגעץ א חוץ אין יוניטי לאנד. אויב איהר ווילט באמת גוט פארברענגען, פארפעהלט ניט צו זיין דארט!

א חוץ מעמבערס פון דער אינ־טערנעשאנאל ווערען אין דער יוניטי הויז אויפגענומען מעמבערס פון אנדערע ארגאניזאציעס, און זאנסט אינטעליגענטע מענשען און פריינד פון דער ארבייטער באוועגונג.

דער רעדזשיסטריישאן אפיס איז אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק., טעלעפאן טשעלסי 2148

דער אפיס איז אפען ביז 6:30 אין אוונט, שבת — ביז 1 אזייגער בייטאג.

קויפט אויסשליסליך
קאלאמביא טהעע
צזועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

די אידישע אגריקולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויס־קינפטע וועגען פארמערי. און הי זיך אויס־בוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

נימט קיינע דעפאזיטס איידער איהר בעראט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און טאט איז אבסאלוט פריי. שרייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5 זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.
301 E. 14th St., New York City

לערנט דעזיינינג
איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך
נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל
פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פור גארמענטס.

די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פור פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.

געגרינדעט איבער 50 יאהר.
די סקול האט ערדייכט
נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.
א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א באלדיגע שטעלע און גוטע וויידזשעס.
א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.
באזונדערע לעסאנס ווען געגעבען ווערען אין אייער אייגענער שפראך, אום איהר זאלט אלעס פארשטעהן.
די באדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכט.
מיר זיינען די עלטסטע פעשיאן קאמפאני אין אמעריקא און מיר פארקויפען פעשיאנס און שניידען אלערליי פעטערנס.
טאג און אוונט קלאסען.
אוונט־קלאסען, מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.
פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקוהל.
קומט פערזענליך פאר פרייע אינפארמאציע.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל
15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן וויסקאנזין 5970.

Buy Union Stamped Shoes

We ask all members of organized labor to purchase shoes bearing our Union Stamp on the sole, inner-sole or lining of the shoe. We ask you not to buy any shoes unless you actually see this Union Stamp.

BOOT & SHOE WORKERS UNION — UNION STAMP — Factory

Boot & Shoe Workers' Union
Affiliated with the American Federation of Labor
246 SUMMER STREET, BOSTON, MASS.

COLLIS LOVELY, General President — CHARLES L. BAINE, General Secretary-Treasurer

דער
ארבייטער רינג
אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

$2,500,000.00 — פארמאגט
83,000 — מיטגלידער
740 — ברענטשעס

דער ארב. רינג שטיצט זיך דען וויכטיגען עקאנאמי־שען און פאליטישען קאמף.

דער ארב. רינג איז דער קול־טור צענטער אין דער אידי־שער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידי־שער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאר־יום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך נים קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

געלדער קאלעקטירט אין דער יוניטי הויז פאר די מיינער סטרייקערס אין ענגלאנד.

(שלוס פון זייט 2)

מיננא מאצא	1.00
אננא עפשטיין	1.00
בעסי סוויטצקי	1.00
סאניא ראדינא	1.00
ראזע פאול	1.00
שאראה שאפירא	1.00
בעסי סילווערשטיין	1.00
הילדא שיצמאן	1.00
דייוויד לעווינסאן	2.00
דאראטהי אסטריקאן	1.00
אנא נימאום	15.80
בערעקא מאנטשיא	1 00
עללא פיערסא	.50
א. קארפ	.50
אברהם באראף	10.00
מארים סיגמאן	10.00
דזשייקאב האלפערין	10.00
מר. און מרס. עליאס רייזבערג	5.00
פריד מ. סימרין	1.00
ע. רובינשטיין	2.00
דזש. מ. לעווינסאן	1.00
מיניע האראוויטץ	1.00
דזשען אייזענשטיין	1.00
מר. באנארד	1.00
מר. פריד	1.00
ר. לייהט	1.00
פ. לעווין	1.00
מר. בעניסאן	1.00
מר. לייטמאן	1.00
מר. שופפער	1.00
מיסס ד. ליהטענבלום	1.00
לעאן גערשהאן	.50
סעם ליפשיץ	.50
מר. און מרס. ווינשטיין	1.00
מרס. ר. ראזענבערג	.50
מרס. וואלאוויק	2.00
א פריינד	1.00
פעניע ווינשטיין	.50
ב. בולהאק	1.00
מרס. מעלטצער	1.00
צ. ווייבער	1.00
ב. ביאלאסטאצקי	1.00
לעאן מאליס	1.00
איירין טהאמאס	1.00
ש. גרינבערגער	1.00
מ. קאסעטסקי	1.00
ר. פערסאן	1.00
ליליאנס שמעטערער	.50
בעסי גאלדענבערג	.50
איידא קאנטאוו	.50
דזשוליא שפירא	.50
ראזע ליפקינס	.50
דניאל גרינבערג	.50
מ. שאצמאל	.50
סיידי גאדמאן	1.00
ראזע דארפמאן	2.00
סארא פרידגענט	2.00
דארא סעלטצער	2.00
מערי איינדענבוים	2.00
לעאן קרעמער	1.00
מ. הערימאן	1.00
סאני משייסין	1.00
אנאנימוס	3.65
לואיס משייזין	1.00
קלארא דאמסקי	.50
בעללא פעטיקעי	.50
סיידי אסטראווסקי	.50
י. מילינקי	1.00
ש. לובין	2.00
רובין פינק	1.00
אברהם רייזען	5.00
אננא שפארן	.50
ראזע מיללער	.50

קונסט סקאלערשיפ פאר ארבייטער

(שלוס פון זייט 9)

מערקזאמקייט נים נאר די פראבלעמען פון זייער איינענער גרופע, נאר אויך צו די, וואס ריהרען אן די געזעלשאפט אלס א גאנצע.

צו די מיליאנען ארבייטער איז זייער יוניאן נים נאר אן ארגאניזאציע צו פארטיידיגען זייערע עקאנאמישע טאג-טעגליכע אינטערעסען, נאר אויך אן ארגאניזאציע, וואס גיט זיי די מעגליכקייט צו אנטוויקלען זייער כאראקטער און פערזענליכקייט; עס גיט זיי ווירדיגקייט, זעלבסט-צוטרויען און זעלבסט-רעספעקט, אלס בירגער און אלס מענשען. די טרייד-יוניאן-באוועגונג האט שוין איצט דערגרייכט צו דער הויך, וואו דער יוניאן-מאן פארדערט שוין, אז נייע פארמען פון טעטיגקייטען זאלען זיך אנטוויקלען, וואס זאלען אויך אריינגעהמען די אינטערעסען פון זיינע קינדער, אלץ-איינס צי זיי באלאנגען צו די עקאנאמישע אדער גייסטיגע באדערפנישען — אט למשל, די קונסט-פראגע.

קאמף אין מעקסיקא געגען קאטוילישער קירך

(שלוס פון זייט 5)

אז די נייע געזעצען זיינען אויך גוטע די אידען, וועלכע זיינען לעצטענס איינגעוואנדערט קיין מעקסיקא; זיי וועלען נישט טארען עפענען-קיין חדרים און אויך נישט האבען קיין רבנים, ווייל אלע רבנים זיינען נישט קיין געבוירענע אין לאנד נאר איינגעוואנדערטע, וועלכע עס איז פארווערט צו דערפילען רעליגיעזע פונקציעס.

ווי מ'זעהט זיינען די געזעצען געגען רעליגיע זעהר דרייסטע און אויב די מעקסיקאנער ארבייטער-רעגירונג וועט זיך נישט אפשרעקען פאר'ן קראקערייי פון אלוועלטליכען קלעריקאליזם און זיי דורכפיהרען אין לעבען, וועט דער שווער-גערפרואוומטע מעקסיקאנישע פאלק ענדליך באפרייט ווערען פון דעם מורא'דיגען יאך, אין וועלכען דער קלעריקאליזם צוזאמען מיט די אויסלענדישע קאפיטאליסטען האלטען איהם שוין הונדערטער יאהרען.

וואלדמאן און ליבערמאן
לאיערס
302 BROADWAY, NEW YORK.
Telephone: Worth 5623-5624

קעמעל איז דעם רויכערער'ס סימבאל פון פריינדשאפט

אין דער היים אדער אין קלאב — אין דעם באשעפטיגטען אפיס אדער אין דער געפאקטער סטריט — איבעראל וואו א פריינד באגעגענט א פריינד, וועט איהר הערען דעם צויבערליכען כיבוד — **נעהמט א קעמעל!**

און וואו נאר קעמעלס ווערען אנגעצונדען, דארט קומען מענשען זיך צוזאמען אין א פריינדליכערע פארשטענדיגונג—ווייל קעמעל'ס קוואליטעט איז אן אלוועלטליכע שפראך.

קעמעל איז מעהר ווי א סיגארעט. דאס איז אן איבערלעבונג פון א פארגעניגען פון רויכערען — די גרעסטע הנאה וואס אונזער גרויסע וועלט קען געבען. קעמעלס ענטהאלטען די בעסטע טערקישע און אמעריקאנער טאבאקען וואס וואקסען, און דיזע פיינע טאבאקען ווערען אויסגעצייכענט צוזאמענגעמישט, ווי אין קיין אנדערען סיגארעט. קעמעלס ווערען קיינמאל נים דערעסען און לאזען קיינמאל נים איבער א סיגארעטישען ווידער-טעם. קיין אנדערער סיגארעט אין דער וועלט קען זיך פארגלייכען צו זיי.

ווען און וואו איהר באגעגענט א פריינד, זאל דאס זיין א שטענדיגע איינלאדונג צו דער גרעסטער צופרידענהייט וואס איז ווען געקומען פון א סיגארעט.

נעהמט א קעמעל!

R. J. REYNOLDS TOBACCO CO., WINSTON-SALEM, N. C.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)
אין מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VIII. No. 38. New York, Friday, Sept. 17, 1926 1926 פרייטאג, 17טער סעפטעמבער, PRICE 3 CENTS

אונזער אינטערנעשאנאל רופט די גאנצע ארבייטער באוועגונג אין קאמף געגען ברוטאלן אינדזשאנקשאן

אלע קלאוקמאכער אויפגעברויזט און ווארפען זיך אריין אין קאמף נאך מיט מעהר אייפער ווי פריהער. — אינדזשאנקשאן ווירקט ווי מען זאל צולייגען פייער אין א פאס פולווער. — סטרייקער פון אלע האלס רייסען זיך צו געהן אויף דער פיקעט ליין. — הונדערטע און טויזענטע סטרייקער מארשירען ארויס פון די סטרייק האלס אין ספאנטאנע דעמאנסטראציעס.—גארמענט סענטער פארהילכט פון הורא געשרייען פון די מוטיגע סטרייקער! — זיגמאן און היימאן ענטפערען דעם אינדאסטריעל קאונסיל אויף דעם לעצטען „פייער־קרעקער" וואס ער האט אויסגעשאסען. — דער סטרייק וועט ענערגיש פארטגעזעצט ווערען און דער אינדזשאנקשאן וועט באקעמפט ווערען.

פראטעסט דעמאנסטראציע אין מעדיסאן סקווער גארדען קומענדען דינסטאג

דער אינדוסטריעל קאונסיל האט אויסגעשאסען זיין לעצטען פייער־קרעקער, וואס וועט לאזען נאך זיך אן עיפוש פאר א לאנגער צייט. אין דער צייט וואס די פיהרער פון קאונסיל באריהמען זיך אין זייערע סטייטמענטס, אז אין אלע זייערע שעפער „ארבייט מען אומגעשטערט", אין דער זעלבער צייט זיינען זיי אוועקגעלאפען אין קאורט נאך אן אינדזשאנקשאן, און דארטען האט דער לאיער פון די באלעבאטים זיך פשוט צעוויינט, אז די פיקעטס „צו'ממית'ן" די פאר סקעבס וואס זיי באקומען מיט פיל מאטערניש און אז זיי קענען ניט „אנגעהן מיט זייערע ביזנעס".

עס פרעגט זיך: ווען האבען די באלעבאטים געבלאפט — אין קאורט, ווען זיי האבען גע'טענה'ט, אז זייער געשעפט איז צוקריפעלט, אדער אין די סטייטמענטס, ווען זיי באריהמען זיך, אז אין זייערע שעפער „ווערט נארמאל געארבייט"?

און ריכטער נאי פון סופרים קאורט האט אויף זיי רחמנות געקראגען און באוויליגט א צייטווייליגען אינדזשאנקשאן.

איז עס שוין איין מאל אן אינדזשאנקשאן! ער איז לאנג ווי דער אידישער גלות. איבערלייענען דעם אינדזשאנקשאן דארף נעמען כאטש א וואך צייט, און ווי עס שיינט, האט דער ריכטער אונטערגעשריבען די אפליקאציע פאר דעם אינדזשאנקשאן, נאר ניט האבענדיג געלייענט דעם דאזיגען דאקומענט, וואס איז א וועה־געשריי פון די באלעבאטים, דער קאורט זאל זיי העלפען ברעכען דעם סטרייק, וואס שטיקט זיי און דריקט זיי.

און דער דאזיגער אינדזשאנקשאן איז איינער פון די שוידערליכסטע וואס מיר האבען ווען עס איז געזעהן! עס ווערט דארטען אלץ פארבאטען. עס ווערט פארבאטען די פיהרער פון סטרייק צו שיקען פיקעטס צו זייערע שעפער און די פיקעטס ווערט פארבאטען צו געהן, צו שטעהן, צו רעדען מיט קיינעם און מסתמא אויך ניט צו מאכען מיט די הענט ביים רעדען. ווען פרעזידענט זיגמאן האט זיך באקאנט מיט'ן אינהאלט פון דעם אינדזשאנקשאן, האט ער אויסגערופען: „בלויז צוויי זאכען האבען די באלעבאטים פארגעסען צו פארווערען די פיקעטס: צו גלאצען מיט די אייגען און איינצואטעמען די לופט פון גארמענט צענטער!"

עס פארשטעהט זיך, דאס אט דער שרעקליכער אינדזשאנקשאן האט געהאט פונקט די פארקערטע ווירקונג, ווי די הערען פון קאונסיל האבען ערווארטעט. אנשטאט וועמען עס איז איבערצושרעקען און אפהאלטען פון „סטרייק דיוטי", האבען זיך אלע א נעם געטאן צו דער ארבייט, נאך מיט מעהר אייפער, מיט מעהר ענערגיע ווי פריהער.

דער אינדזשאנקשאן האט געווירקט ווי מען זאל אריינווארפען אן אנגעצינדעטן ליכט אין א פאס פולווער. אלע, די פיהרער, ווי די סטרייקער גופא, זיינען אויפגעברויזט געווארען. אין אלע סטרייק־האלס האט געהערשט די גרעסטע באגייסטערונג. אין אלע האלס האבען די סטרייקערס אנגענומען רעזאלוציעס, פארדאמענדיג דעם פארצווייפעלטען שריט פון די באלעבאטים, אין וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט אן אייזערנער ווילען פארטצוזעצען דעם סטרייק ביז צו א זיגרייכען ענד, יא אינדזשאנקשאן, צי ניט אינדזשאנקשאן. אט דער גייסט האט געהערשט אויף די פארזאמלונגען אין די אלע סטרייק האלס און אויך אויף דער פארזאמלונג פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע דינסטאג ביינאכט אין מאנהעטען ליסעאום האל.

און עס איז געפאסט געווארען א באשלוס אויפ'ן גאנצען פראנט פון גרויסען סטרייק: אין קאמף מיט די קלאוק באלעבאטים און זייער אינדזשאנקשאן! אין קאמף אונטער אלע אומשטענדען, אונטער אלע באדינגונגען!

און די קלאוקמאכער יוניאן, צוזאמען מיט אונזער אינטערנעשאנאל, רופט די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטער באוועגונג צו הילף אין דעם איצטיגען שווערען קאמף געגען די קלאוק באלעבאטים מיט זייער שוידערליכען אינדזשאנקשאן.

די יוניאן רופט א ריזיגע פראטעסט דעמאנסטראציע קומענדען דינסטאג פאר־נאכט, גלייך נאך דער ארבייט, אין דעם נייעם מעדיסאן סקווער גארדען.

אלע מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל אין ניו יארק און די ארגאניזירטע ארבייטער פון אלע אנדערע יוניאנס אין ניו יארק ווערען גערופען זיך צו באטייליגען אין דער ריזיגער דעמאנסטראציע. זאל דער גאנצער געגענד ארום דעם מעדיסאן סקווער גארדען זיין פארפלייצט פון א מענשען־ים אין פראטעסט געגען דעם אינדזשאנקשאן!

און ניט נאר די ארגאניזירטע ארבייטער פון ניו־יארק אליין. די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטער באוועגונג איבער'ן לאנד, די אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר, מיט אלע איהרע אנגעשלאסענע יוניאנס, ווערען גערופען צו העלפען אונזער יוניאן אין דעם איצטיגען שווערען קאמף, און מיר האבען ניט דעם מינדסטען צווייפעל, דאס דער אפרוף וועט זיין א גרויסארטיגער, אן אמת ברידערליכער!

די קלאוקמאכער יוניאן האט שטענדיג געהאלפען יעדער ארבייטער ארגאניזאציע וואס איז געווען אין קאמף, און די גאנצע ארבייטער וועלט פון אמעריקא וועט איצט העלפען די קלאוקמאכער מיט א ברייטער, ברידערליכער האנט.

און די בראווע קלאוקמאכער וועלען קעמפען העלדיש און אנטשלאסען ביז צו א זיגרייכען ענד.

א ווארט פון פרעזידענט זיגמאן וועגען אינדזשאנקשאן.

ווען פרעזידענט זיגמאן האט זיך באקאנט מיט'ן אינהאלט פון דעם אינדזשאנקשאן, האט ער ארויסגעגעבען צו דער פרעסע דעם פאלגענדען סטייטמענט:

„די קלאוקמאכער וועלען פיקעטען אלע שעפער אין סטרייק, יא אינדזשאנקשאן, צי ניט אינדזשאנקשאן. דער אינדזשאנקשאן פארבאט אונזערע סטרייקערס צו פיקעטען, פארווערט אונז צו האלטען די סטרייק האלס, און באציהט זיך צו דעם סטרייק פונקט ווי עס וואלט געווען דער גרעסטער פאר־ברעכען צו סטרייקען. מיר דוכט זיך, אז דזשאדזש נאי, וועלכער, ווי עס איז איבערגעגעבען געווארען אין די צייטונגען, זאל האבען געזאגט, דאס ער געדענקט ניט געזעהן געגען וועמען דער אינדזשאנקשאן איז ארויסגעגעבען און דאס ער ווייס אויך ניט דעם גענויען אינהאלט פון דעם אינדזשאנקשאן, באגרייפט ניט, אז מיט איין שטריך פון זיין פען האט ער געפרואווט אפשאפען יעדע פרייהייט און רעכט, וואס די אמעריקאנער קאנסטיטושאן און די סטייט געזעצען פארזיכערען יעדען איינוואוינער. רוהיגע פיקעטינג איז נאך ניט אפגעשאפט געווארען אין דיזען סטייט. אונזערע סטרייקערס וועלען אנגעהן מיט זייער פיקעטען און וועלען זיך פארזאמלען אין די האלס פונקט ווי אלע מאל.

„עס איז לעכערליך צו דענקען, ווען מען נעמט אין אנבאטראכט די פא־סירונגען פון דעם סטרייק, אז אונזערע ארבייטער באנוצען זיך מיט געוואלט־מיטלען. אמת, די פאליציי האט טאקע ארעסטירט הונדערטע סטרייקערס נאך יעדער פיקעט דעמאנסטראציע, אבער זיי זיינען כמעט אלע גלייך באפרייט געווארען אין קאורט, ווייל די באווייזע האבען געצייגט, אז זיי זיינען ניט באגאנגען קיין שום פארברעכען. די געוואלט־טאטען וואס ווערען באגאנגען, קומען אלע פון דעם לאגער פון די באלעבאטים.

„די גאנצע אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, — האט פרעזידענט זיגמאן געזאגט, ענדיגענדיג זיין סטייטמענט, — און די עהרליכע ליבעראלע עפענט־ליכע מיינונג שטיצט אונז אין אונזער קאמף צו געווינען מענשליכע ארבייטס־באדינגונגען פאר די קלאוקמאכער אין ניו יארק. מיר זיינען זיכער, אז די אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר און אלע אינטערנעשאנאל יוניאנס וועלען אונז העלפען געגען די מאנעווערעס פון די מאנופעקטשורערס, וועלכע ווילען אונז אונטערדריקען דורך אן אוקאז פון א דזשאדזש".

ענטוזיאסטישער מיטינג פון גענעראל סטרייק קאמיטע

דינסטאג אווענט איז אונטער'ן פאר־זיץ פון ברודער היימאן אפגעהאלטען גע־ווארען א זעהר ענטוזיאסטישער מיטינג פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע.

די מיטגלידער פון דער גרויסער גענע־ראל סטרייק קאמיטע האבען מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט צו די רעדעס, וואס זיינען געהאלטען געווארען פון זיג־מאן, היימאן, בארוכאוויטש, זימערמאן און נאך אנדערע פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע.

דער עולם איז געווען זעהר ענטוזיאס־טיש געשטימט. אך, ווען די קלאוק־באלעבאטים וואלטען זיך אמאל אריינגע־כאפט אויף א מיטינג פון די סטרייקער און געזעהן וועלכע ווירקונג עס האבען אלע זייערע מאנעוורעס געגען דער יוניאן! זיי וואלטען דעמאלט אפשר אויפגעהערט זיך דרעהען א מוח מיט זייער נארישער סטראטעגיקע און ליבערשט געסעטעלט דעם סטרייק מיט דער יוניאן.

אויף דער פארזאמלונג האט די גענע־

(שלוס אויף זייט 2)

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 38

זייט 2. סטרייק־נייעס.
זייט 3. עדיוקיישאנעל דעפארטמענט. א באַ־דייטענדער זיג פון די באסטאנער רעינ־קאוט־מאכער — עקזעקוטיוו באארד.
זייט 4. טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען. פון דעם דעזיינער לאקאל 45 — א. שעק. אין דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 50 — איידא ראזענפעלד.
זייט 5. דער סטרייק־ברעכער — י. ד. שי־ניאק. א תפילה מיט א פראגע־צייכען — נ. נאמינסאן. די לעבענס־געשיכטע פון וואנזעטי.
זייט 6. עדיטאריעל.
זייט 7. אויפ'ן וועג צו דערגרייכען ביי־האפנונגען — ה. לאנג. צווישען סטריי־קער — אב. קארלין.
זייט 8. די פאליטישע לאגע אין פוילען — ז. ארטור. כ'געה ארום — א. מ. דילאן.
זייט 9. אין דער קאטערס יוניאן, לאקאל 10 — ס. ב. שעהנקער. דער אינטערנא־ציאנאלער עמיגראציאנס־קאנגרעס אין לאנדאן — נ. זיבערט. ענטפערס פון רעדאקציע.
זייט 10. געזונט און לעבען. פארשידענעס.
זייט 11. שלוסען און אדווערטייזמענטס.
זייט 12. יובילעי הויז פארמאכט פאר'ן סעזאן

יוניטי הויז אין פאָרעסט פּאַרק וועט זיין אָפּען ביז'ן 20טען סעפּטעמבער

דאָס מיינט, ביז נאָך יום כפור. — אַלע וואָס ווילען זיין דאָרט זאָלען זיך גלייך רעגיסטרירען. — דעם שבת, אַ גרויסאַרטיגער קאָנצערט און ליטעראַרישער אָוונט. — עס וועט אויפגעפיהרט ווערען „דער דאָלאַר" פון דוד פינסקי. — באַוואוסטע יוניטי אַקטיאָרען וועלען זיך באַטייליגען.

גרויסער עולם פאַרברענגט גוט וויק־ענד פון לייבאָר דעי

לעצטען פרייטאָג, שבת, זונטאָג און מאָנטאָג האָט אַ גאַנץ גרויסער עולם פאַרבראַכט אין דער יוניטי הויז אויף אַ זעהר אָנגענעמען אופן, ניט אַכטענדיג וואָס דער וועטער איז געווען ניט גינסטיג. ווען עס רעגענט אין ניו יאָרק, איז ניט פרעהליך אויפ'ן האַרצען. ווען מען איז אָבער אין דער יוניטי הויז, קען דער רעגען אויך גאָרניט טאָן צו ברעכען דעם פרעהליכען און שעהנעם גייסט, וואָס עס הערשט דאָרטען; דעריבער כאָטש עס האָט גערעגענט, האָט דער עולם דאָך פאַרבראַכט אויפ'ן שענסטען און בעסטען אופן.

אויף דעם וויק־ענד פון ראש־השנה ווערט פאַרבאַרייטעט אין דער יוניטי הויז אַ באַזונדער פייערליכקייט. די פּאָר טעג וועלען טאַקע זיין אַן אמת'ער יום־טוב פאַר אַלע די, וואָס וועלען אַהין אַרויסקומען. אין די יום־טוב־טעג און אין די אָוונטען וועלען פאָרקומען פאַרשידענערליי אונטערנעמונגען. עס וועט געגעבען ווערען אַן אויסערגעוועהנליכער מוזיקאַלישער קאָנצערט מיט באַוואוסטע טאַלאַנטען. גלייכצייטיג וועט אויפגעפיהרט ווערען נאָך אַן איינאַקטער, „דער דאָלאַר", פון דוד פינסקי. און עס וועלען זיין נאָך אַנדערע פאַרוויילונגען.

וואָס עס איז פאָרגעקומען אין יוניטי הויז לעצטען וויק־ענד

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט פון אָנפאַנג, איז געווען אַ גרויסער יום־טוב אין דער יוניטי הויז לעצטע וואָך. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אַהין לעצטען פרייטאָג, האָבען מיר, דעם אמת זאָגענדיג, געמיינט, אַז מיר האָבען פאַרבלאָנזשעט, אַז מיר זיינען ניט אַריינגעפאַלען אין דעם ריכטיגען פּלאַץ. אַלע ווענט פון די בילדינגס אין דער יוניטי הויז זיינען געווען פאַרהאָנגען מיט פּלאַקאַטען מיט פאַרשידענע אויפשריפטען אין אידיש און אין ענגליש — שטימט פאַר דעם און דעם, שטימט פאַר די און די א. אַז. וו. ענדליך האָבען מיר זיך דערוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. עס האָט זיך פאַרוואָלט דעם עולם אין דער יוניטי הויז דורכפיהרען אַ קאַמפּיין. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ דעמאָקראַטער קאָנטעסט. עס איז געווען אַ „ביוטי" און אַ „פּאָפּולאַריטי" קאָנטעסט.

אין דעם „ביוטי"־קאָנטעסט, פאַרשטעהט זיך, האָבען זיך באַטייליגט נאָר די יוניטיאַריער פון דעם שעהנערען געשלעכט. דער „פּאָפּולאַריטי"־קאָנטעסט איז דערפאַר איבערגעלאָזען געוואָרען איינגאַנצען פאַר די מאַנסבילען. האָט איהר געמענט זעהן, וואָס דאָרטען האָט זיך אָפּגעטאָן! זיי האָבען דאָס געמאַכט ווי ביי אַן אמת'ן עלעקשאָן אין ניו יאָרק, מיט די אַלע געשרייען, גוואַלדען, קאַמפּיין־ספּיטשעס, פּלאַקאַטען און קאַמפּיין־ליטעראַטור — אַלעס ווי אויף אַן אמת'ן קאַמפּיין, וואָס האָט אַרויסגערופען פיל שפּאַס און געלעכטער ביי אַלעמען.

זונטאָג ביינאַכט, ווען דער עלעקשאָן איז פאָרגעקומען, ווען די בירגער פון יוניטי־לאַנד זיינען געגאַנגען שטימען — און אַלע האָבען געהאַט שטים־רעכט: מענער, פרויען און אפילו קינדער — איז געווען אַזאַ מין טומעל און גערודער, טאַקע ווי אין אַ רעגולערען עלעקשאָן־טאָג אין ניו יאָרק. וואו מען איז געגאַנגען, זיינען געשטאַנען קאַמפּיין־מענעדזשערס און האָבען געהאַלטען ספּיטשעס פאַר זייערע קאַנדידאַטען. און עס איז געווען באמת לעבעדיג, ווייל עס איז געווען אַ זעהר געראָטענע קאַריקאַטור פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין עלעקשאָן־טאָג אין די גרויסע שטעדט.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם „ביוטי"־קאָנטעסט, איז געווען בלויז איין פּאַרטיי. ווען עס איז אָבער געקומען צום „פּאָפּולאַריטי"־קאָנטעסט, זיינען שוין געווען אויפ'ן פּאָליטישען פעלד צוויי פּאַרטייען. אַלע אַרבייטער און אָנגעשטעלטע אין דער יוניטי הויז האָבען געגרינדעט אַ „לייבאָר פּאַרטיי" און האָבען אַרויסגעשטעלט זייערען אַ קאַנדידאַט פאַר „פּאָפּולאַריטי". דער קאַנדידאַט זייערע איז געווען אַ יונגערמאַן מיט'ן נאָמען נעם. דאָס איז דער זעלבער יונגערמאַן, וועלכער האָט געשפּילט די ראָלע פון'ם משוגענעם אין פינסקי'ס איינאַקטער, „דער פּאַנאַגראַף", וואָס מען האָט געשפּילט מיט צוויי וואָכען צוריק אין יוניטי הויז. אין דער זעלבער צייט האָט זיך געבילדעט אַ צווייטע פּאַרטיי, די „פאָלקס־פּאַרטיי". אָבער אַזוי ווי די פאָלקס־פּאַרטיי איז שוין געווען צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע עלעמענטען, ניט פון בלויז אַרבייטער, איז גלייך געקומען צו אַ שפּאַלטונג. איין אָפּטיילונג איז געפיהרט געוואָרען פון די „מאַקאַביייער", אָדער העברייער, און אַלס קאַנדידאַט האָבען זיי אַרויסגעשטעלט דעם העברייאישען שרייבער דניאל פּערסקי; די אַנדערע האָבען אַרויסגעשטעלט זייער קאַנדידאַט, מר. לעווינסאָן, וועלכער האָט פון דאָרט אונז צוגעשיקט אַ פּאָר קאָרעספּאָנדענצען.

ביידע קאַנדידאַטען האָבען געהאַט זייערע מענעדזשערס און האָבען אָנגעפיהרט אַ גוואַלדיגען קאַמפּיין פאַר זייערע עלעקשאָנס. דער רעזולטאַט פון די וואַהלען איז געווען, דאָס אין דעם „ביוטי"־קאָנטעסט האָט געוואונען מיס בעטי קאָווען, טאַקע אַן אמת שעהן מיידעל. זי האָט געצויגען די גרעסטע צאָל שטימען און איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס די שעהנסטע מיידעל אין יוניטי הויז. וועגען די מענערשע קאַנדידאַטען איז געווען אַ „טאַי־וואָוט" פאַר לעווינסאָן און נעם, ד. ה., אַז די „מאַקאַביייער" זיינען געשלאָגען געוואָרען אין די וואַהלען. על־פּי יושר וואָלט מען געדאַרפט מאַכען שטיך־וואַהלען צווישען נעם און לעווינסאָן, נאָר דער עולם האָט איינגעזעהן, אַז אַזוי ווי די צוויי, אי נעם, אי לעווינסאָן, זיינען זעהר פּאָפּולער אין דער יוניטי הויז, האָט מען באַשלאָסען, אַז זיי זאָלען ביידע בלייבען די זיגער — בלויז פּערסקי איז, נעבאַך, דורכגעפאַלען. דער גאַנצער קאַמפּיין איז געמענעדזשט געוואָרען פון ראובן פינק, דער אַרויסגעבער פון „שניץ" אין דער יוניטי הויז.

דער שעהנער קאָנצערט אין יוניטי־הויז שבת אָוונט

שבת אָוונט איז געגעבען געוואָרען אַ גרויסאַרטיגער קאָנצערט מיט איינינע טאַלאַנטען, וואָס זיינען ספּעציעל געבראַכט געוואָרען פון ניו יאָרק. דער אָוונט איז ערעפענט געוואָרען פון וויס־פּרעזידענט רייזבערג, וואָס איז אויך אַ מעמבער פון דער יוניטי הויז קאָמיטע. ער איז געווען דער טשערמאַן פון דעם אָוונט.

די פּראָגראַם איז געווען אַ שעהנע און אַ רייכע. דער אָוונט האָט זיך געעפענט מיט אַ פּיאַנאָ־דיסיטאַל פון רעבעקאַ ברוקמייער, אַ 14־יאָהריגע מיידעל, וועלכע שפּילט פּיאַנאָ זעהר שעהן. דער עולם האָט איהר אויפגענומען מיט פיל ענטוזיאַזם. רעבעקאַ האָט אויך אַקאָמפּאַנירט דעם פידעל־שפּילער. דער צווייטער נומער אויפ'ן פּראָגראַם איז געווען אברהם בערג, אַ יונגער פידעל־שפּילער.

אב. בערג איז אינגאַנצען 16 יאָהר אַלט און אַ שילער פון פּראָפעסאָר אוער, וועלכער האָט אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע די אַלע גרויסע פידעל־שפּילער, ווי צימבאַליסט, מישאַ עלמאַן, יאַשאַ חפץ און נאָך אַנדערע. ווען מען הערט אייבי'ן שפּילען, קען מען שוין איצט זעהן, אַז ער איז אַ צוקונפטיגער גרויסער פידעל־שפּילער, וואָס וועט זיך קענען אוועקשטעלען אין ליין מיט די אַנדערע, וואָס אוער האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער בינע. ער האָט געשפּילט עטליכע נומערען, וועלכע האָבען אַרויסגערופען זעהר פיל באַגייסטערונג און מען האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל שפּילען נאָך און נאָך.

ניט ווייניגער ענטוזיאַזם האָט אַרויסגערופען מיס לודמילאַ טורעצקאַיאַ, אַ סאָפּראַנאָ־זינגערין. זי האָט געזונגען רוסישע פאָלקס־לידער, וועלכע דער עולם האָט זעהר שטאַרק געגליכען. זי זינגט מיט פיל טעמפּעראַמענט, וואָס רופט אַרויס ביים עולם אַ סך ענטוזיאַזם. נאָך די דריי קינסטלער האָט זיך דער אָוונט פאַרענדיגט מיט'ן „שניץ", וועלכען ראובן פינק האָט פאַרפערטיגט און פאַרגעלעזען. ווי געוויינליך, האָט ער אין דעם „שניץ" אַריינגעקיבעצט אַלץ און אַלעמען אין דער יוניטי הויז, וואָס האָט ביים עולם אַרויסגערופען פיל, פיל געלעכטער.

זונטאָג אָוונט איז געגעבען געוואָרען אַ קאָסטום־באַל. עס איז אויך דורכגעפיהרט געוואָרען אַ „מינסטראַל שאָו", וואָס מיס בלאַנטש, די חנ'עוודיגע „סאָשעל דירעקטאָר" פון יוניטי הויז, האָט פאַרבאַרייטעט פאַר יענעם אָוונט.

אַט אַזוי, ווי איהר זעהט, פאַרברענגט דער עולם אין דער יוניטי הויז. און אויב איהר ווילט אויך הנאה האָבען פון דעם לעבען און פאַרזוכען דעם טעם דערפון, ניט נאָר וואָס איהר לעזט אין דער צייטונג, נאָר אַליין באַטייליגען זיך אין דעם, וואָלטען מיר אייך ראַטען זיך גלייך רעגיסטרירען און פאָהרען אין דער יוניטי הויז פאַר דער נעקסטער וואָך.

די הויז וועט זיין אָפּען ביז דעם 20־טען סעפּטעמבער, דאָס הייסט, איבער יום־כפור, וואָס דאָס מיינט נאָך אַרום צוויי וואָכען, און אויב איהר ווילט זיין אין דער יוניטי הויז דעם סיזאָן, פאַרפעלט ניט גלייך זיך איינשרייבען אין אָפיס פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, 3 וועסט 16טע סט.

רעזאָלוציע פון אַ סטרייק האָל

מיר, די סטרייקענדע קלאָוקמאַכער פון גרעיט סענטראַל פּאַלאַס, 96 קלינטאָן סט., פאַרזאַמעלט ביי אַ בלאָק מיטינג, נעמען אָן פאָלגענדע רעזאָלוציע:

נעמענדיג אין אַנבאַטראַכט, דאָס אונזער בלאָק־טשערמאַן, בר. ווייס, מוז אונז פאַרלאָזען, ווייל זיין שאָפּ האָט געסעטעלט,

דריקען מיר איהם אויס אונזער פולסטע אנערקענונג און דאַנק פאַר זיין גוטע אַרבייט, וואָס ער האָט געטאָן אַלס בלאָק־טשערמאַן.

מיר פאַרפליכטען זיך פאָרטצוזעצען אונזער גערעכטען קאַמף ביז אַ זיגרייכען סוף.

די רעזאָלוציע איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען.

די קאָמיטע:
סעקלער, לאָקאַל 10,
סעלשיק, לאָקאַל 2,
וועקסלער, לאָקאַל 35,
טוניס, לאָקאַל 2.

באָסטאָן דזשאָינט באָאַרד האָט אַ באַדייטענדען זיג

(שלוס פון זייט 1)

פּראָצעס, אויב די יוניאָן וועט זיין ערפאָלגרייך אין אָרגאַניזירען די אַרבייטער פון יענעם שאָפּ.

אַזוי שנעל ווי דער סטרייק האָט זיך געסעטעלט, האָט די פירמע אָנגעהויבען צו באַהאַנדלען די אַרבייטער זעהר שלעכט — האָט אויפגעהערט צאָהלען צייט און אַ האַלב פאַר אָווערטיים, האָט אין איינינע פאַלען רעדוצירט די וויידזשעס, און האָט אָנגעפאַנגען צו אַנטזאָגען אַרבייטער אָהן שום אורזאַכע. דער נאַטירליכער רעזולטאַט איז געווען אומצופרידענהייט צווישען די אַרבייטער.

ברודער מאַראַביטאַ, און דער איטאַליענישער לאָקאַל זיינען געשטאַנען אין נאָהענטען קאָנטאַקט מיט דער לאַגע. גלייך פון אָנפאַנג פון סיזאָן האָבען די אַרבייטער באַשלאָסען, אַז זיי וועלען מער ניט אויסהאַלטען די מיסהאַנדלונג פון זייערע באַלעבאַטים.

דינסטאַג, דעם 7טען אויגוסט, זיינען 35 אַרבייטער אַרונטערגעגאַנגען פון שאָפּ. אויף מאָרגען איז די צאָל פאַרגרעסערט געוואָרען ביז 70 אַרבייטער.

די קליינע צאָהל אַרבייטער, וועלכע זיינען געבליבען אַרבייטען זיינען געווען מערסטענס פינישערס און די פירמע האָט ניט געקענט אַרויסגעבען קיין אַרבייט. ווען די יוניאָן האָט איינגעלאַדען מאַטהוס און קאַרעצקי צו אונטערהאַנדלען וועגען אַ סעטעלמענט, האָבען זיי זיך אַנטזאָגט, און אַנשטאָט דעם האָבען זיי צוגעטראָטען צו אַרויסנעמען אַן אינדזשאַנקשאָן.

נאָך צוויי וואָכען פון קאַמף, האָט דזשאָרדזש ראָוער, דער לאָיער פאַר דער יוניאָן, פאָרגעשלאָגען פאַר דעם לאָיער פון מאַטהיוס און קאַרעצקי צו ברענגען זייערע קליענטען צו אַ קאָנפערענץ מיט דער יוניאָן. נאָך צוויי טעג קאָנפערירען, ברודער האַכמאַן און מאַראַביטאַ, פאָרטרעטענדיג די יוניאָן, האָט די פירמע צוגעשטימט צו סעטלען און האָט אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן פאַר 42 שטונדען אַ וואָך, יוניאָן ווייִדזשעס, און אַ פולשטענדיגען יוניאָן־שאָפּ.

פרייטאָג אין דער פריה, דעם 3טען סעפּטעמבער, זיינען אַלע צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבייט.

די נייעס וועגען דער סעטעלמענט פון דיזען שאָפּ איז מיט ענטוזיאַזם אויפגענומען געוואָרען פון אַלע קלאָוק־ און דרעסמאַכער פון באָסטאָן.

באַריכטענדיג וועגען דעם סעטעלמענט צום דזשאָינט באָאַרד, האָט בר. האַכמאַן געזאָגט, אַז דער הויפּט קרעדיט פאַר דעם ערפאָלג פון סטרייק געהערט צו דעם איטאַליענישען לאָקאַל און צו ברודער מאַראַביטאַ, אינטערנעשאָנאַל אָרגאַנייזער.

נאָהענט צו 100 נייע איטאַליענישע אַרבייטער זיינען לעצטענס אַריינגעקומען אין אונזער איטאַליענישען לאָקאַל, נור מער 80 פון באָסטאָן.

מיר שיקען
אַמעריקאַנער דאָלאַרס

נאָך סאָוויעט רוסלאַנד, אוקראַינע, פּוילען, ליטאַ, לאַטוויאַ, עסטרייך, רומעניען, פּאַלעסטינע, מעקסיקאָ און אַלע אַנדערע לענדער.

אויב איהר האָט קרובים אין אירגענד וועלכע לאַנד אין דער וועלט און איהר ווילט זיי שיקען עטליכע דאָלאַר אויף יום טוב, קענט איהר עס טאָן אַמבעסטען דורך אונזער באַנק.

אונזער „טראַנסמישאָן דעפּאַרטמענט" איז יעצט אַזוי איינגעאָרדענט, אַז אייער געלט וועט אָנקומען צו אייערע קרובים אין דער שנעלסטער צייט, און אַז זיי וועלען קריגען אויסגעצאָהלט אין הויז אַריין די פולע סומע אין אַמעריקאַנער דאָלאַרס.

אויסער דעם רעסיט וואָס איהר באַקומט פאַר אייער געלט אין אונזער באַנק, שטעלען מיר אייך אויך צו אַ רעסיט פון אייערע קרובים, אַז זיי האָבען דאָס געלט ערהאַלטען. פאַלס מען קען זיי ניט אויסגעפינען באַקומט איהר אייער געלט צוריק.

אינטערנעשאָנאַל יוניאָן באַנק
5טע עוועניו, קאָרנער 21טע סטריט